NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02686

MORGNFREYD

Victor Spritzer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאָרגנפרייד

פון זוויגקער שפריצער

קינדערמייסעס

ארויסגעגעבן פון מעכאבער
בוענאָס איירעס, 1936

הויפטפארקויף:
פארלאג ג. קאפלאנסקי
קאָריענטעס 2614

JEWISH PUBLIC LIBRARY
MONTREAL

Morgnfreid

Cuentos

infantiles

Printed in Argentine

Copyright by
Víctor Spritzer
Buenos Aires, 1936

Talleres Gráficos
"Cultura"
Sarmiento 2157, Bs. As

אינהאַלט

זאנגען זינגען א געזאנג — — — — — — — — — — — — 8
דאָס קליינע מאמעלע — — — — — — — — — — — 11
אַ מייסע פון א קריג מיט א פליג — — — — — — — 14
ווער איז דער בער? — — — — — — — — — — — 17
דאָס עפּעלע, וואָס מאכט געזונט דאָס קעפּעלע — — — 19
א גרוים פון דער באבען — — — — — — — — — 23
דאָס יינגעלע און די לעוואָנע — — — — — — — 28
א קאנאריק א כאָכעם — — — — — — — — — 31
ווו איז ער געווען? — — — — — — — — — — 34
וואָס איז מיט דער זון היינט געשען? — — — — — — 38
דערפאר גייען די קאטשקעס באָרוועס — — — — — 40
פישעלע און פישעלע — — — — — — — — — 43
צו דער באבע סאָרע פריידע — — — — — — — 46
די מאמע האט אויפגעגייט א קליידעלע — — — — — 48

איינער אליין אויפן קאמף
די ערשטע פריינטשאפט — — — — — — — — 53
טשיטשאָ וויל גיין אין שול אריין — — — — — — 57
א כאָווער זאָל אזוינס טון? — — — — — — — 60

אונטער יאנקעלעס וויגעלע — — — — — — — — — 65
מיטן ציימל אינדערהאנט — — — — — — — — 68
שמערל באלעבאָס — — — — — — — — — — — 70
יידל מיטן פידל — — — — — — — — — — — 73
א וועלט אָן געלט — — — — — — — — — — 78
קייער און שלינגער — — — — — — — — — — 81
צוויי קעץ אין איין זאק — — — — — — — — 83
פּאמפּאָ און זיינע כאווירים — — — — — — — 86
די מייסע מיט דער אלטער שטאָט און מיט דער נייער שטאָט 91
די נישטדערציילטע מייסע — — — — — — — — 94

כייעלע
כייעלע איז ברויגעז געוואָרן — — — — — — — — 99
כייעלע וויל דעם שטעקן — — — — — — — — 102
כייעלע איז גרוים געוואָרן איבער נאכט — — — — — 105

שפּאנישע ווערטער — — — — — — — — — — — — 109

מיין טעכטערל

מאלקעלע

א מאטאָנע.

זאנגען
זינגען
א געזאנג

גייט ארוים די זון,
אן אויסגערוטע זון,
שפּאַצירט זיך אויפן הימל
און קוקט פון דאָרט זיך צו,
וואָס אונטן טוט זיך טון.

קוקט די זון פון אויבן,
בלאנקען סערפּן אונטן.
פרייען זיך די זאנגען
ביז אין די וואָרצלען,
ביז אין די גרונטן,

אונטן פליסט א טייכל
און שווענקט זיך אָפּ די ברעגן.
אין א שטרויען שטיבל
וועקט לייבקע זיינע יונגען:
„בעוורע, שוין גענוג געלעגן!”

„ס־ס־ס!... ס־ס־ס!...” — שניידן סערפּן,
סע גייט א גאנג.
פילן זאנגען די־אָ שניטן
און נישט זיי קרעכצן, נישט זיי וויינען—
זאנגען זינגען א געזאנג.

***

לייבקע מיט די יונגען,
סערפּן אויף די אקסלען —
סע שטייט דאָס פעלד און וואַרט!
צייטיק שוין די זאנגען,
שיר נישט איבערגעוואקסן.

אין הויפנס גאנצע, גאנצע הויפנס
ליגן זאנגען, ליגן.
רעדן נישט קיין וואָרט,
הערן זיך נאָר איין —
ליגן ווי אנטשוויגן.

סע בייגן זיך די זאנגען,
מיט די קעפּ אראָפּ.
זאָגן זיך „גוטמאָרגן”
און וואַרטן אויפן סערפּ,
צו געבן זייער האָב.

פון געבוירן אָן
געוואקסן פראנק און פריי.
איצטער נעמט מען גאָר זיי בינדן,
אין סנאָפּעס גאנצע בינדן,
ווערט שוין א געשושעריי...

וועלן מילן מאָלן,
וועלן בעקערס באקן.
וועלן קינדער עסן,
וועלן קינדער האָבן
רויטע, שיינע באקן.

נאָר מילן וועלן מאָלן,
בעקערס וועלן באקן.
וועלן קינדער עסן,
וועלן קינדער האָבן
רויטע, שיינע באקן.

25689

מ אָ ר ג נ פ ר י י ד

שושעריי „שו־שו־ש־ש־ש!...״
סע גייט א גאנג.
פילן זאנגען, ווי מע בינדט זיי,
און נישט זיי קרעכצן, נישט זיי וויינען—
זאנגען זינגען א געזאנג.

קלאפט מען, דרעשט מען, א געשושעריי,
סע גייט א גאנג.
פילן זאנגען, וואָס מע טוט זיי,
און נישט זיי קרעכצן, נישט זיי וויינען—
זאנגען זינגען א געזאנג.

**
*

אין די שייערס, אין די שייערם
ליגן זאנגען, ליגן.
רעדן נישט קיין וואָרט,
הערן זיך נאָר איין —
ליגן ווי אנטשוויגן.

ליבקע מיט די יונגען,
ברויטן אין די הענט.
ברענגען צו די קינדער,
נעמען קינדער עס,
ווערט עס ווי פארברענט...

פלוצים שלעפט מען זיי ארויס
און מע קלאפט נאָר און מע שלאָגט.
מע צעהאקט אזוי די קעפ,
אז קערנער פליען פון די קלעפ —
וואָס וואָלטן זיי אויף דעם געזאָגט?...

שפרייט זיך אויס א פרייד,
פרייט זיך מאמע, טאטע.
ווען די זון פארגייט,
גייען קינדער שלאָפן
אָנגעגעסן, זאטע.

נאָר מילן וועלן מאָלן,
בעקערס וועלן באקן.
וועלן קינדער עסן,
וועלן קינדער האָבן
רויטע, שיינע באקן.

וויגט זיך שטיל די נאכט,
וויגט זיך אין איר רו.
זאנגען וואקסן ווידער...
שאָקלען מיט די קעפ,
וויגן, זינגען צו:

מילן וועלן מאָלן,
בעקערס וועלן באקן.
וועלן קינדער עסן,
וועלן קינדער האָבן
רויטע, שיינע באקן.

דאָס קלײנע מאמעלע

עטעלע שמעטעלע פּלאַטשיק נעזל,
לויפט ארום, ווי א העזל.

ווייסט נישט קיינער,
וואָסי דאָס.

עטעלע שמעטעלע פלאטשיק נעזל,
איז נישט קיין העזל, איז נישט קיין האָז.

פרעגט די מאמע: — עטעלע, זאָג,
וואָסי היינט פארא טאָג?

עפּעס טראכטסטו,
עפּעס לאכסטו!

און דער טאטע רופט זיך אָן:
— פאר וועמען מאכסטו דעם אויבנאָן?

נאָר עטעלע הערט נישט וואָס מע פרעגט זי, וואָס מע רעדט צון איר. זי איז זייער פארטון, פארנומען.
סע זעט אויס, ווי עמעצער דארף צון איר קומען.
סע זעט אויס —
ווער ווייסט וואָס סע וועט זיך טון בא איר אין „הויז״!
זי האָט ארויסגעשטעלט אויפן הויף איר טישעלע מיט די בענקעלעך.
אויסגעשטעלט, אָפּגעווישט, און אויפן טיש עפּעס אויסגעשפּרייט.
דערנאָך האָט זי ארויסגענומען פון אירע שפּילעכלעך — טעצעלעך, בעכערלעך, קריגעלעך און זיי אויסגעשטעלט אויפן טיש און זיי אָנגעגאָסן מיט וואסער.

דערנאָך האָט זי אָנגעשניטן קליינטשיקע שטיקלעך ברויט, ווי טאָרט... און זיי שיין אויסגעלייגט.

און פּלוצים האָט זי גענומען מאכן מיטן מיילעכל, ווי מע פּאָרט:

— פּו, פּו, פּ־פּ־פּ־פּ־פּ... פּו! —

געסט פאָרן, געסט קומען, זענען שוין דאָ.

האָט זי זיי אויפגענומען:

— זעצט אייך דאָרט, זעצט אייך דאָ, זיצט, זיצט... —

זי האָט זיך אזש פארשוויצט.

זי קען זיך נישט קיין אייצע געבן, דאָס קליינע „מאמעלע".

זי רוישט, זי קאָכט, זי מאָלט, זי פלאמט — זי וואקסט אינדערלענג און אינדערברייט.

און די טאטע־מאמע קוקן זיך צו פונדערזייט און קוועלן אַן פּאר פרייד.

און א זונענשטראל קומט זיך אויך צו גאסט.

ער ציט זיך אויס איבער דער לענג פונעם טישעלע, ווי א ליכטיקער פּאס, ווי א באפּוצעכץ.

און א וויין־בלעטעלע פליט אראָפּ פונעם וויינשטאָק, פון אויבן און שפּרייט אויס א זיסן רייעך, א גוטן. —

נאָר דאָס קעצל ליגט עפּעס אין ווינקל, ווי א ברויגעזער מעכותן... —

און א פייגעלע לאָזט זיך פון ערגעץ הערן מיט א צוויטשערן, מיט א „צוויץ־צוויץ"...

סע געפעלט עם דער שפּיל, דער שפּאס.

סע וויל אויך זיין א גאסט.

כאָטשע סע ווייסט נישט וואָס און ווען — וואָס דאָ ווערט אזוינס געשען.

און טאטע־מאמע קוקן זיך איבער אינדערשטיל:

— וואָסי דאָס פארא שפּיל?

— וואָסי דאָס פּאָרט?

— וואָס מיינט זי דאָרט?

אינדעם דערזעען זיי, ווי טעלע גייט צו צון א ווינקל, וואָס איז פאַרהאַנגען מיט עפּעס, און פון הינטערן פאַרהענגעכץ נעמט זי אַפיר איר ליאַלקע — פאַרקעמט און פאַרפּוצט, באַהאַנגען מיט סטענגעס און מיט בלימעלעך.

זי מאַכט צון איר מיט די ליפּן, ווי א לופט־קוש... און זי זעצט זי אנידער אויבנאָן, און שטעלט זיך פאַר איר טאַנצן.

האָט די מאַמע זיך פּלוצים צעלאַכט אויף א קאָל: — טעלע, טעלע, וואָסי דאָס!?

— דער ליאַל־קעס געבורטס־טאָג... — האָט טעלע געענטפערט הינטער דער נאָז.

נאָר זי האָט א קוק געטון אויף די טאַטע־מאַמע, האָט זי זיך פאַרויטלט, פאַרשעמט און אויפגעהערט טאַנצן.

און זי האָט זיך פאַרשטעלט הינטער דער מאַמעס פאַרטעך און — דאָס איז נאָך נישט אינגאַנצן.

טעלע שמעטעלע פּלאַטשיק נעזל,
בלאָזט מיטן מיילעכל, מאַכט א בלעזל...

ווייסט שוין יעדער,
וואָסי דאָס:

טעלע שמעטעלע האָט זיך פאַרשעמט,
שטייט זי ברויגעז, אַראָפּגעלאָזט די נאָז.

לאַכט די מאַמע און זי זאָגט:
— ברויגעז גאָר אין אַזא טאָג?...

די ליאַלקע וועט נאָך וויינען!
זי וועט — ווער־ווייסט־וואָס מיינען!

טוט זיך טעלע א קויער אָן,
און דער ליאַלקעס געבורטסטאָג הייבט זיך ערשט אָן.

אַ מייסע פון אַ קריג מיט אַ פליג

אנומלט איז פּיוועלע געזעסן און זיך געשפּילט. איז געקומען צו פליען אַ פליג און זיך אנידערגעשטעלט אויף זיין רעכטער באַק. איז פּיוועלע בייז געוואָרן און אויסגעצויגן די רעכטע האנט צו דער פליג און געטון אַ קנאַק...

באַלד האָט פּיוועלע דערפילט די פליג אויף דער לינקער באַק, האָט ער אויסגעצויגן די לינקע האנט צו דער פליג און ווידער געטון אַ קנאַק.

אין דערזעלבער מינוט נאָך איז די פליג ארויף אויף זיין שטערן, איז שוין פּיוועלע טאַקע גאָר בייז געוואָרן:

— ע, זי וויל טאַקע נישט הערן? טר־ר־ראַך!...

און באַלד האָט זיך אים די פליג געשטעלט אויף דער שפּיץ נאָז און ס׳איז געשען דיזעלבע זאַך.

נאָר נאָך דעם פּאַטש אין דער נאָז, זענען אים איבערגעגאַנגען די אויגן און ס׳האָט אים פאַרקלעמט באַם הערצל און ער האָט זיך צעוויינט.

איז צוגעלאָפן די מאַמע און אים געפרעגט, וואָס ס׳האָט געטראָפן, פאַרוואָס ס׳איז אים רויט די באַקן, דער שטערן — דאָס גאַנצע פּאָנעם. איז ער צו צום שפּיגל און אַ בליק נאָר געטון, איז ער שטיל געבליבן און אראָפּגעלאָזט דאָס קעפּל — זיך פאַרשעמט.

און אין שלאָף, באַנאַכט,
האָט זיך פּיוועלען געדאַכט,
אַז די פליג פליט און זשומעט איבער אים
און רעדט צון אים:

— האָסטו יינגעלע געפּאַטשט,
האָסטו דיך אליין געפּאַטשט.

און מיך האָסטו נישט פאַרטריבן —
דו ביסט נאָר א נאַר געבליבן.

* * *

אויפן אנדערן טאָג, נאָכמיטיק, נעמט די מאַמע איר פּיוועלען און פירט אים צו צום בעטל, ער זאָל זיך צולייגן אביסל נאָכן עסן, און זי גייט זיך צוריק צון איר ארבעט.

דער טאַטע גיט אים א קוש אין קעפּל און זאָגט אים א „גוטנטאָג". פּיוועלע שרייט אים נאָך: „גיי געזונט, טאַטע, קום באלד!" און ער וויל שוין אריינגיין אין בעט, דערהערט ער א זשומען —

אין א גוטער שאָ,
די פליג איז ווידער דאָ.

גיט ער שוין נישט קיין פּעטש, נאָר ער נעמט מיט דער האַנט אזוי־אָ... זי אוועקצוטרייבן.

מאַכט צון אים די פליג:

— זעסטו, אז דו פּאַטשסט נישט, קען מען מיט דיר רעדן.

לאַכט פּיוועלע:

— אז דו ווילסט רעדן, רעד...

— מיר איז דאָ קאַלט — זאָגט די פליג — מיר איז דאָ טונקל. וויל איך מיך ארויסציען אין אן אנדערער דירע, וווּ ס'איז וואַרעם און ליכטיק.

— וואָסזשע ווילסטו פון מיר?

— איך וויל מיך מיט דיר געזעגענען.

— זייער גוט, זאָל דיך עליע דראַנג באַגעגענען...

— אזוי, אז דו שפּאַסט, געפעלסטו מיר.

— וואָסזשע נאָך ווילסטו פון מיר?

— איך וויל... איך וויל... אז אזוווי איך לאָז מיך שוין אין וועג, זאָלסטו מיר העלפן איינפּאַקן מיין געפּעק.

— א־א־אָ?... נישט מער, ווי דאָס־אָ־אָ — אָ?...

און ער האָט א שאָקל געטון מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געזאָגט „יאָ".

און ער איז אריינגעפאלן אין בעטל אריין מיטן אָנטועכץ און ער איז אנטשלאָפן געוואָרן אזוי שווער, ווי א בער...

די טיר איז געווען אביסל אָפן און אינדרויסן האָט פּלוצים אויפגעשיינט די זון, האָט די פליג א כאַפּ געטון האק־און־פּאק און זי איז ארוים און זי איז אוועק.

נאָר פּייוועלע האָט אין שלאָף געהערט, ווי זי פליט און זשומעט, אזויווי אן עראָפּלאַן,

און זי קלייבט זיך איבער אין א נייער דירע אריין.

ווער איז דער בער?

אמאָל איז געווען א מיידעלע, זי האָט געהייסן יענטעלע, איז די מאמע לעבן איר געזעסן און איר דערציילט א מייסע מיט א בער.

האָט יענטעלע אויסגעהערט יעדעס וואָרט, ווי דער בער האָט גענומען דאָס פארבלאָנדזשעטע מיידעלע און עס ארויסגעפירט פון וואלד און עס אָפּגעפירט צו טאטע־מאמע.

האָט יענטעלע זייער ליב געקריגן דעם בער,

און זי האָט געוואָלט הערן אזוינע מייסעס, וואָס מער.

די מאמע האָט אָבער קיין סאך צייט נישט געהאט. האָט די מאמע זיך גענומען צון איר ארבעט און יענטעלע איז זיך געזעסן און געקלערט:

וויאזוי א בער היט אָפּ א קינד.

און צי א בערס א קינד ווערט אויך אמאָל פארבלאָנדזשעט.

און צי עמעצער פירט עס צוריק אָפּ אהיים.

און... פלוצים האָט יענטעלע דערהערט א געוויין פון הינטער דער טיר, פון דרויסן. איז זי צו צו דער טיר און א דערשראָקענע א פרעג געטון:

— ווער וויינט עס דאָרט?

— איך — האָט מען געענטפערט פון דרויסן.

— ווער ביסטו?

— בערעלע.

— אוי, בערעלע? וואָסי געשען? פארבלאָנדזשעט?

— יאָ.

— פארבלאָנדזשעט אזש פון וואלד?

— פארבלאָנדזשעט און — קא־א־אלט...

— שרעק דיך נישט, בערעלע, באלד!

זי איז צוגעלאָפן צו דער מאמען, זי זאָל איר אויפקייטלען אויבן די טיר:

— בערעלע פארבלאָנדזשעט, אָפּפירן אהיים!

— נײן, קינד לעבן, איכל אים גיין אָפּפירן — האָט די מאמע איר געענטפערט — און דו בלייב אין שטוב, דו טאָרסט נישט ארויסגיין אצינד, אינדרויסן בלאָזט א קאלטער ווינט!

און די מאמע האָט מיט א שאליק זיך ארומגעוויקלט דעם האלדז, און זי איז ארויס פון דער שטוב און פארשלאָסן די טיר פון דרויסן. יענטעלע האָט נאָר געהערט, ווי די מאמע האָט א זאָג געטון: „קום, בערעלע!", מער האָט זי נישט געהערט.

זי האָט נאָר געקלערט און געקלערט — ווי די מאמע גייט און גייט, און דאָס בערעלע גייט און גייט,

ביז סע ווערט א גרויסע פרייד:

זיי קומען צו צום וואלד, אָך, דאָס בערלע איז שוין אינדערהיים!

יענטעלען איז פאר פרייד אזש אָנגעקומען א געוויין.

אינדעם איז די מאמע אריינגעקומען, האָט יענטעלע אויף איר א קוק געטון פארוואונדערט:

— אזוי גיך צוריק?

— וואָסזשע? — האָט די מאמע זיך אויך געוואונדערט — ווי ווייט איז דען צו דיין כאווערטע כייע?

— ביסט געוועזן בא מיין כאווערטע כייע?

— אוואדע, כ'האָב דאָך אָפּגעפירט איר ברודערל בערעלע!

— הא? וואָס? דאָס גאָר? — האָט יענטעלע זיך אליין צעלאכט, און דערנאָכדעם זיך פארטראכט.

זי האָט זיך דערמאָנט אין יענער מייסע מיטן בער, וואָס די מאמע האָט איר פריער דערציילט, ווי א בער האָט געטראָפן א פארבלאָנדזשעט מיידעלע, און האָט עס אָפּגעפירט אהיים.

און זי האָט אזוי פארטראכט און פארקלערט, געוואָלט פרעגן די מאמען, ווער ס'איז געוועזן יענער בער, ווער?

עפּשער פעטער בער?...

דאָס עפּעלע

וואָס מאכט געזונט דאָס קעפּעלע

א־א, א־א, ליו־ליו־ליו!
שלאָפֿזשע איין, מיין יינגעלע,
נעם אריין דאָס צינגעלע
און פֿארשלים די ליפּעלעך
און פֿארמאך די אייגעלעך —
א־א, א־א, ליו־ליו־ליו —
וועסטו זען, מיין יינגעלע,
ווי סע פֿליען פֿייגעלעך...

פֿליען, פֿליען, איילן זיך,
ביז אהין אין וואלד אריין,
מוזן דאָרטן באלד שוין זיין,
דאָרטן וואקסט א ביימעלע,
אויפֿן בוים אן עפּעלע —
א־א, א־א, ליו־ליו־ליו —
ברענגען א רעפֿוע דיר,
א געזונט אין קעפּעלע...

האָט טאקע דאָס יינגעלע
געוואָלט אריינגעמען דאָס צינגעלע
און פֿארשליסן די ליפּעלעך
און פֿארמאכן די אייגעלעך,
צו זען, ווי סע פֿליען די פֿייגעלעך,
ברענגען אים אן עפּעלע,
נאָר ער האָט נישט געקאָנט,

ס'האָט אים ווי געטון דאָס קעפּעלע.

איז געלעגן דאָס ייִנגעלע
און געקוקט, ווי די מאַמע וויינט גאָר!
זי וויינט און זינגט אים א לידעלע,
זי בעט אים, ער זאָל שלאָפן,
וועלן פייגעלעך ברענגען אן עפּעלע...
אוי, וויל ער איר צוליב טון!
ער וויל, ער ווייסט און ער פאַרשטייט,
נאָר דאָס קעפּעלע האָט זיך אים געדרייט.

אינדעם פאַלט אים איין: וואָס דאַרף ער עפּעס וואַרטן ביז די פייגעלעך זאָלן אים ברענגען דאָס עפּעלע? וואָסי, ער קען נישט גיין אליין?

טאַקע אַזוי! שוין זאָל זיין געגאַנגען!

גייט ער, גייט ער, גייט ער,
און פּלוצים — זע נאָר — שטייט ער!

א באַרג האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג און אים געפרעגט, וווּהין ער גייט.

— אין וואַלד אַריין — האָט דאָס ייִנגעלע געענטפערט.

— אין וואָסער וואַלד אַריין? — האָט ווידער געפרעגט דער באַרג.

— ווו ס'וואַקסט אן עפּעלע.

— א וואָסער עפּעלע?

— וואָס מאַכט געזונט דאָס קעפּעלע.

— אויב אַזוי, מיין ייִנגעלע, — מאַכט דער באַרג — איז זייער שלעכט!

דער גאַנג אַהין געדויערט דריי טעג און דריי נעכט.

— אויב אַזוי, — זאָגט דאָס ייִנגעלע — איז דאָך נישטאָ קיין צייט צו שטיין, אז מע מוז אַזוי ווייט גיין!

גייט ער, גייט ער, גייט ער,
און פּלוצים — זע נאָר — שטייט ער!

א טיפער טאָל האָט אים אָפּגעשטעלט אין גאנג און אים געפרעגט, וואוהין ער גייט.

— אין וואלד אריין — האָט דאָס ייגגעלע געענטפערט.

— אין וואַסער וואלד אריין?

— ווו ס'וואקסט אַן עפּעלע.

— א וואַסער עפּעלע?

— וואָס מאכט געזונט דאָס קעפּעלע.

— אויב אזוי — מאכט דער טאָל — מוז איך דיר זאָגן, אז דעם וועג איז שווער איבערצוטראָגן.

— אזוי? — זאָגט דאָס ייגגעלע — אז איך בין איבערגעקומען דעם בארג, בין איך שוין גענוג שטארק.

גייט ער, גייט ער, גייט ער,
און פּלוצים — זע נאָר — שטייט ער!

א פייער האָט אים פארשטעלט דעם וועג און אים געפרעגט וואוהין ער גייט.

— אין וואלד אריין — האָט דאָס ייגגעלע געענטפערט.

— וואָס זוכסטו, ייגגעלע, אין וואלד? אַן עפּעלע?

— יאָ, וואָס מאכט געזונט דאָס קעפּעלע.

האָט אים דאָס פייער געזאָגט, אז ער דארף גיין ארומונארום. און דערנאָכדעם ערשט, איז, ווער ווייסט, צי ער קערט זיך נישט אום.

דאָס פייער זאָגט און ער גייט.

ווייטער אזוי, ווייטער, ארומונארום.
און פּלוצים קוקט ער זיך אום —
האלט! —
דער וואלד.
נאָר צווישן אים און דעם וואלד איז א וואסער פאראן.

גיט ער א שפּאַן —
טיף, טיף,
לאָזט ער זיך שווימען.
געשוווּמען, געשוווּמען
און איבערגעקומען —
שוין,
ער שטייט בא א בוים.
נאָך א בוים, נאָך א בוים,
ביימער אָן א צאָל.

קריכט ער ארויף אויף דעם ערשטן בוים, וואָס שטייט אים בא דער האנט.

און — (די מאמע האָט דערזען, ווי ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּענעמל צו דער וואנט...)

פייגעלעך פליען, פליען,
טראָגן אין זייערע שנעבעלעך
עפּעס אזוינע עפּעלעך.

האָט דאָס ייִנגעלע צו זיי געזאָגט, אז זיי זאָלן פליען געזונטערהייט צו אנדערע, צו אנדערע, וועמען סע טוט ווי דאָס קעפּעלע.

אים טוט שוין נישט ווי. ער האָט זיך אליין אָן עפּעלע געבראכט.

די מאמע האָט געזען, ווי ער מאכט עפּעס מיט די ליפּן און זי האָט דערהערט, ווי ער זאָגט איר א „גוטע נאכט!"

ששש . . .

— א גוטע נאכט.

אַ גרוס פון דער באבען

מאשעלע האָט איינמאָל געפרעגט דעם טאטן, ווי ווייט ס׳איז צו דער באבען:

— אז מע גייט א גאנצן טאָג, קומט מען אָן אהין?

האָט דער טאטע געשמייכלט און איר געענטפערט:

— ניין, מאשעלע, מע מוז אהין פאָרן.

שפעטער איז זי צוגעגאַן צו דער מאמען, פרעגן מיט וואָס מע פאָרט צו דער באבען:

— מיטן טראַמוויי, צי מיט דער באַן?

מיט דער שיף, צי מיט אַן עראָפּלאַן?

האָט די מאמע זיך פארטראכט און פארקלערט.

און אין איר אויג האָט זיך באוויזן א טרער.

האָט מאשעלע נישט פארשטאַנען, וואָס מיט דער מאמען איז געשען.

און די מאמע האָט ארויסגערעדט:

— ווער ווייסט, צי איך וועל זי נאָך אמאָל זען!

האָט מאשעלע געפרעגט די מאמען, צי זי וואָלט געוואָלט פאָרן צו דער באבען.

האָט די מאמע אויסגערופן:

— ווען איך זאָל האָבן פליגלען, וואָלט איך צון איר געפלויגן!

טראכט מאשעלע, אז ווען זי זאָל האָבן פליגלען, וואָלט זי אויך געפלויגן.

און ווידער טראכט מאשעלע, אז זי קען טאקע האָבן פליגלען: דער לאנגער סימאָן קען מאכן פליגלען פון פאפיר.

גייט זי צו צום טאטנס שרייבטיש, שלעפּט אראָפּ א שטיק פאפיר, נאָך, נאָך...

אָך!

איבערגעקערט דעם טינטער, אויסגעגאָסן די גאַנצע טינט.
און סע צעוויינט זיך דאָס קינד.
שטילט־איין די מאמע:
— מיילע, סע קען זיך טרעפן.
וואָרנט דער טאַטע:
— סע זאָל זיך נאָר מער אַזוינס נישט טרעפן!
דערוויל האָט מאשעלע אין די פליגלען פארגעסן,
און מ׳האָט זיך געזעצט צום טיש עסן.

באַטאָג האָט איר דער לאַנגער סימאָן טאַקע געמאַכט פליגלען פון פּאַפּיר.

דער לאַנגער סימאָן איז אַ ייִנגעלע אין אירע יאָרן, נאָר גרויס איז ער באַלד טאָפּל פון איר און אַ שטיפער איז ער נאָך אַ גרעסערער.

ער האָט איר געזאָגט, אַז זי זאָל זיך צוטשעפּען די פליגלען צו די הענט, זיך אַרויפשטעלן אויף אַ בענקל און זיך טון אַ לאָז, וועט זי פליען ווי אַ פויגל. האָט זי אים געפאָלגט, האָט זי געטון אַ פאַל, זיך צעקלאַפּט די נאָז און צעקנייטשט די פליגלען.

האָט זי זיך צעוויינט, צעליאַרעמט, איז געקומען צו לויפן די מאמע און קוים זי איינגענומען, קוים זי איינגעשטילט.

— וואָס שפּילסטו דיך מיט דעם לאַנגן נאַר, — האָט די מאמע געטיינעט — וויפל מאָל האָב איך דיר שוין געזאָגט, אַז דו זאָלסט דיך מיט אים נישט שפּילן!

— איכל מיך שוין טאַקע מער נישט שפּילן מיט אים — האָט מאשעלע געכליפּעט — קיינמאָל נישט!

— געדענק, איך וועל מיך פאַר דיר מער נישט אָננעמען! קריך נישט צו אים, ער וועט דיר נאָך ווייסעך־וואָס טון! אוי, ווי איז מיר, זע נאָר, ווי זי האָט זיך צעקלאַפּט! וואָס ביסטו געקראָכן צו אים!

— ער זאָל מיר מאַכן פליגלען, ער קען מאַכן... — האָט מאשעלע נאָך נישט אויפגעהערט צו כליפּען.

— זע נאָר א פּאָנעם, א נאָז, צו וואָס באַדאַרפסטו פליגלען?
— איך וויל פליען צו דער באַבען...
— הא? וואָס?
— פליען צו דער באבען...
— א געדולע אויף דיר!
זי האָט זי צוגענומען צו זיך, די מאמע, און זי געהאַלדזט און געקושט און מיט א טרער איר נאַס געמאַכט דאָס פּענעמל.

פאַרנאַכט איז מאַשעלעס מאַמען נישט געווען צו דערקענען. איר פּאָנעם האָט אויסגעזען אזוי דערשראָקן — זי ווייסט נישט, וואָס זי זאָל זיך פאַר אַן אייצע געבן.
ווּ קען זי זיך געפינען, מאַשעלע, ווּ קען זי זיין?
זי האָט זי שוין ארומגעזוכט בא אלע שכיינים, זי האָט זי שוין ארומגעזוכט ווּ נאָר אַן אָרט — נישטאָ מאַשעלע.
זי וועט נאָך אריינגיין צום לאנגן סימאָן, כאָטשע דאָרט איז זי זיכער נישטאָ. נאָך יענעם פאַל באַטאָג, נאָכדעם, וואָס זי האָט זיך אזוי צעקלאָפּט דאָס פּאָנעם, וועט זי אזוי גיך נישט קריכן צון אים.
נאָר גאָרנישט, ס'איז די דריטע טיר, וועט זי א קוק טון — זי ווייסט דען, ווּ זי זאָל גיין — אוי, ווי איז דער מאַמען! אויף דער גאַס איז אזא טומל, אזא גערודער! אזוי פיל מענטשן, און אָמניבוסן, און אויטאָמאָבילן — לויפן, יאָגן, איינער אויפן אנדערן, איינער אויפן אנדערן — קאָפּ אויף קאָפּ.
— נישטאָ דאָ מיין מאַשעלע?...
קוקט סימאָנס מאַמע זי אָן פאַרווּנדערט:
— וואָס איז מיט אייך? וואָס זענט איר אזוי דערשראָקן?
— מיין מאַשעלע, מיין מאַשעלע, איך ווייס שוין נישט ווּ זי ארומצוזוכן!
— אָבער זייט נישט אזוי דערשראָקן! אָט איז מיין סימאָן אויך נישטאָ אין שטוב, נאָך פון וועגן, נו, איז וואָס?

— אייער סימאָן איז עפּעס אנדערש, אייער סימאָנען וועט גאָרנישט געשען... אוי, מיין מאשעלע, מיין מאשעלע! — איז זי ארוים פון דאָרט און געבראָכן די הענט, נישט געוווסט שוין ווו זי צו זוכן, וועמען צו פרעגן, יעדן שוין געפרעגט.

ס'איז נאָר אין א ווינקל דאָרט געזעסן א הון.
ווייזט אוים, אז זי האָט נישט געהאט וואָס צו טון.
איז זי געזעסן, דאָס קעפּל פארלייגט.
איז געקומען א האָן און זי איבערגעשראָקן,
דער האָן האָט די פליגלען געטון א צעפּאָכע
און אויסגעקרייט, אויסגעקרייט.
קוקט מאשעלעס מאמע און דער בליק אירער פרעגט:

— האָן, האָן, ליבער האָן,
ווייסטו נישט ווו מיין מאשעלע איז דאָ?

— ווי הייסט, איך ווייס נישט?
הינטער יענעם הויז
איז דאָ א גרויסער הויף,
אהינצו לויף!

איז זי געלאָפן און געלאָפן,
ביז זי האָט אהין געטראָפן.

און ווי זי איז אהין געקומען, האָט זי טאקע גלייך איר מאשעלען דערזען — א געדולע אויף דער מאמען!

— מאשעלע, מאשעלע!
נאָר מאשעלע איז פארנומען, פארטון.
זי לויפט נאָך סימאָנען.
סימאָן לויפט נאָך איר.
זיי לויפן, זיי יאָגן —
ניין, זיי פליען, פליען,
מיט פליגלען, ווי פייגלען, פליען זיי, פליען.
סימאָן פליט פאָרוים

און מאַשעלע נאָך סימאָנען.
ווערט די מאַמע גרינג ווי א פייגעלע און פליט אויך.
מאַשעלע נאָך סימאָנען, און די מאַמע נאָך מאַשעלען.
פלי, פלי, און געכאַפּט דאָס פייגעלע...

— ווער איז? הא, די מאַמע?

— יאָ, מאַשעלע, די מאַמע!

— מאַמעניו, מאַמעניו, אך, ווי שיין, ווי שיין ס׳איז געווען!

— מאַשעלע, טייערע, איך זוך דיך שוין ארום אזוי לאַנג! ווו ביסטו אהינגעקומען, פייגעלע מיינס!

און מאַשעלע איז געווען אזוי פאַרפּלאָנטערט און זי האָט אויסגעזען אזוי פאַרטראַכט, און זי האָט געענטפערט אזוי שטיל:

— געפלויגן, מאַמעניו, געפלויגן ווייט, ווייט...

— וווהין, פייגעלע מיינס?

— ביז צו דער באַבען, ביז צו דער באַבען...

די מאַמע האָט זי אָנגענומען מיט איין האַנט און סימאָנען מיט דער אַנדערער האַנט און זיי געפירט אהיים.

אויפן וועג האָט די מאַמע גענומען אויספרעגן מאַשעלען, וואָס די באַבע מאַכט, ווי זי זעט אויס...

און מאַשעלע האָט אזוי שטיל און פאַרטראַכט דערציילט פון דער באַבען:

ווי די באַבע זעט אויס,
ווי די באַבע איז גראָ,
ווי זי האָט א צעקנייטשטן שטערן,
און זי טראָגט ברילן,
און זי שטייט א גאַנצן טאָג באַם פענצטער
און זי קוקט ארויס, מע זאָל קומען —
אוי, קוקט זי ארויס, די באַבע,
די גוטע באַבע!

דאָס ייִנגעלע און די לעוואָנע

די לעוואָנע האָט זיך געדרייט ארום א קליין שטיבעלע, א שטיבעלע א קליינס.

אין א בעטעלע איז זיך געלעגן דאָרט שימעלע, א ייִנגעלע א שיינס.

האָט זי געוואָלט אריינקומען צו אים אין שטיבעלע.

זיך דורכרעדן מיט אים, פרעגן אים: וואָס מאכט עפּעס שימעלע?

האָט זי נישט געקאָנט אריין, ווייל דאָס שטיבעלע האָט נישט געהאט קיין פענצטער, נישט קיין פענצטערל, נאָר א שמאָל טירעלע, איז עס אויך געווען פארמאכט, אין יענער נאכט.

האָט זי נישט געקאָנט אריין.

נישט שיקן אפילו קיין שטיקל שיין.

האָט זי זיך געדרייט ארום, ארום.

און גערופן: ייִנגעלע, קום, קום!

* * *

האָט שימעלע נישט געקאָנט איינליגן אין בעטעלע, געדרייט זיך אהין און אהער.

וואָס איז דאָס דערמער?

ווער דרייט זיך אזוי?

ווער רופט אים אזוי?

וואָס ציט אים אזוי אויף דער גאס?

אָ, דאָס איז נישט קיין שפּאס!

נעמט ער קלערן:

מאלע וואָס סע קען ווערן!

פריער, טאקע אין יענער נאכט, האָט מיט אים עפּעס געטראָפן:

ווען ער איז אהיימגעגאנגען איז די לעוואָנע פון אים אנטלאָפן.

איז עפשער האָט זי זיך בארעכנט, אז אזוי איז נישט רעכט און זי איז געקומען צוריק און זי דרייט זיך אום.

און זי רופט אים: „שימעלע, קום!"

ש־ש־ש... שטיל, זאָל זיך נאָר נישט אויפכאפן דער טאטע צי די מאמע, נישט דאָס שוועסטערל, נישט דער עלטערער ברודער —

האָ־האָ! וואָלט געוואָרן א גערודער!

ש־ש־ש... שטיל...

ער וויל ארויס — אָ, וואָס ער וויל!

ער וויל צו דער לעוואָנע, שפאצירן מיט איר אינדרויסן און ארייננעמען זי צו זיך אין שטיבעלע און ווארפן גאנצע־גאנצע שטיקער שיין,

צו אלע־אלע אין די בעטן אריין.

און ש־ש־ש... שטיל, א קריך אין א הויז.

און צו דער לעוואָנע ארויס.

* * *

די לעוואָנע האָט אים נישט אָפגענארט:

הארט בא דער טיר האָט זי אויף אים געווארט.

— וואָס מאכט עפּעס שימעלע? — האָט זי אים אויפגענומען זייער שיין.

זי האָט אים אויך פארבעטן שפאצירן גיין.

איז ער מיט איר אביסעלע געגאנגען און דערנאָך האָט ער זי פארבעטן צו זיך אין שטיבעלע. האָט זי זיך נישט אָפגעזאָגט — אפילו ביז סע טאָגט...

און ווייל אין שטיבעלע איז פינצטער געווען, האָט זי שטיקער שיין פאַרויסגעשיקט, מע זאָל זען ארייּנצוגיין.

זייער שיין,

זייער פיין,

דאָס שטיבעלע איז שוין פול מיט שטיקער שיין.

און שימעלע גייט אריין אינעווייניק און צעטיילט די שטיקער דער מאמען און דעם טאטן, דעם שוועסטערל און דעם ברודער און זיך אליין פולע קעשענעס... נאָר זי, די לעוואָנע, לאָזט זיך עפּעס צופיל בעטן.

זי וויל די שוועל נישט איבערטרעטן.

— קום, לעוואָנע! — בעט ער זיך, אָבער אומזיסט.

עפשער ווייל סע שטייט פאר דער טיר א בלעך מיט מיסט?...

רוקט ער די בלעך אוועק און די לעוואָנע גייט אלץ נישט אריין.

— מיילע, וואָס זאָל מען טון — טראכט ער — וועט זי שוין אריינקומען מאָרגן און פאר היינט מוז שוין דערווייל גענוג זיין בלויז די שיין.

און אז ווער, וואָס וועט פארבייגיין, זאָל די שטיקער לעוואָנע-שיין נישט ארויסכאפּן — מ'האָט שוין געהערט פון אזוינע זאכן... — וועט ער שוין טאקע די טיר פארמאכן.

און ווי ער האָט די טיר פארמאכט,

איז ער געבליבן שטיין פארטראכט:

— וויאזוי האָט דאָס געטראָפן?

די טיר איז דאָך נישט אָפן,

טאָ וויאזוי זענען די שטיקער שיין ארוים?

ניין, ניין, זיי האָבן זיך געוויס באהאלטן ערגעץ דאָ אין הויז.

שימעלע האָט גענומען זוכן און זוכן ארום און ארום.

און אינדרויסן האָט די לעוואָנע ווי פריער, גערופן און גערופן:

קום, יינגעלע, קום!

א קאנאריק א כאָכעם

„טרי - טרי - טריל,
טרי - טרי - טריל..."
טרילערט עפּעם
אינדערשטיל! —

אין הויף אויף דער וואנט אינדערהייך איז א שטייגל געהאנגען.
אין דעם שטייגל איז א קאנאריק פון דרעטל צו דרעטל געשפּרונגען, פון שטעקעלע צו שטעקעלע געשפּרונגען
און אזוי טרויעריק געזונגען,
אז מע האָט לייכט געקענט פארשטיין,
אז דאָס איז נישט קיין געזאנג, נאָר א געוויין...
האָט מען אויפגעעפנט דאָס טירעלע פונעם שטייגל און אריינגעשטעלט אזא שיסעלע מיט וואסער, עפּשער וויל ער א טרונק?
האָט ער טאקע געטון א שלונג,
אָבער דערנאָך האָט ער ווידער ווי פריער געטרילערט אזוי טרויעריק, אזוי אינדערשטיל:

„טרי - טרי - טריל,
טרי - טרי - טריל..." —

האָט מען אים דורך די דרעטלעך אריינגעשטעקט א גריןֹ בלעטל, פריש פונעם גאָרטן ארויס, עפּשער איז ער הונגעריק?
האָט ער טאקע געגעסן,
אָבער דערנאָך, גלייך ווי פארן עסן:

„טרי - טרי - טריל,
טרי - טרי - טריל,

וויסט נישט קיינער
וואָס איך וויל..."

אזוי אייערנעכטן,
אזוי נעכטן,
אזוי היינט,
נאָר פּלוצים עפּעס, האָט דער קאַנאַריק גענומען רייסן,
בייסן
די דראָטן,
עפּשער וועט עס אים געראָטן?...

נאָר וויסעך-וואָס, ער קאָן דאָס נישט צעבייסן, ער דליבעט נישט אָפּ אפילע נישט קיין דרעבעלע.

ס'איז נישט פאר זיין שנעבעלע.

אינדעם האָט דער הונט בא דער טיר, זיך צעבילט, האָט דער קאַנאַריק אים געפרעגט:

— הונט, הונט, וואָס בילסטו?

האָט דער הונט אים צוריקגעפרעגט:

— קאַנאַריק, וואָס ווילסטו?

— דו זאָלסט מיך באפרייען!

האָט דער הונט זיך געמאכט, אז ער האָט נישט דערהערט:

— הא, וואָס? קאָנסט נישט ליידן מיין שרייען?... זיי מיר געזונט!...

— גיי, ביסט א הונט!

צעמיאָוקעט זיך די קאַץ אין א ווינקל, נעמט ער אויך זי בעטן:

— קאַץ, קאַץ, דראַפּע זיך ארויף
און דאָס טירעלע מאך אויף!

— אַט לויף איך, נאָך נישט געהאַט היינט אין מיין מויל...

— ליג דיר דאָרטן, ביסט פויל.

שטייט א קליין מיידעלע און קוקט זיך אזוי צו, פאַלט אים עפּעס איין און ער מאכט צון איר:

— הער נאָר דו, מיידעלע, ווילסט דיך שפּילן מיט מיר?

— יאָ.

— ווילסט מיך נעמען אין די הענטעלעך?

— יאָ.

— ווילסט מיר גלעטן מיינע פעדערלעך?

— יאָ.

— פאַרוואָסזשע מאַכסטו נישט אויף דאָס טירעלע און נעמסט מיך נישט אַרויס?

— איך קאָן נישט דערלאַנגען, איך בין נאָך נישט אַזוי גרויס.

— נו, ווייסטו נישט וואָס מע טוט? אָט שטייט דער בעזים, דערלאַנגסטו מיט אים ביז צום טירעלע און דו רוקסט אַזוי אַרויף־אַראָפּ, אַראָפּ־אַרויף,

ביז דאָס טירעלע מאַכט זיך אויף,

פלי איך אַרויס, מיידעלע מיין,

ביז צו דיר אין הענטעלע אַריין.

האָט דאָס מיידעלע גענומען דעם בעזים און גערוקט און געשטופּט, געשטופּט און גערוקט, און ווען דאָס טירעלע האָט זיך אויפגעמאַכט,

האָט דאָס מיידעלע אַליין זיך צעלאַכט:

— פּי־פּו־פּא!

א שטיפער אזא...

אך, ווי הויך!

אך, ווי שיין!

און דעם קאַנאַריקס געזאַנג איז שוין געווען א געזאַנג, נישט קיין געוויין.

„טרי - טרי - טריל,

טרי - טרי - טריל...

כ'האָב שוין אַלעם

וואָס איך וויל!"

ווּ איז ער געווען?

איינמאָל אין אַן אינדערפרי, זענען די קינדער אויפגעשטאַנען פריער פון אַלע טעג און זענען שנעל אויף דער גאַס אַרויס.

איז פאַרבייגעגאַנגען אַן אַלטיטשקער און אויף זיי אַ קוק געטון מיט צוויי לאַכעדיקע אויגן.

האָבן זיי אים אַ זאָג געטון:

— גוטמאָרגן!

האָט ער זיי געענטפערט:

— אַ גוטמאָרגן, אַ גוטיאָר!

און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיי אַ פרעג געטון:

— ווּ גייט איר אַזוי פרי, קינדערלעך?

— מיר גייען אַנטקעגן דעם זומער.

האָט זיך דער אַלטיטשקער געמאַכט, גלייך ער ווייסט פון גאָרנישט און זיי געפרעגט:

— וואָסזשע, ער דאַרף איצט קומען?

האָבן זיך די קינדער צעלאַכט:

— זע נאָר, אַ זיידע און ווייסט נישט!

האָט זיך דער אַלטיטשקער אָנגערופן, אַז אַ זיידע האָט שוין פאַרגעסן. שוין לאַנג, אַז ער איז נישט געגאַן אין שול אַריין.

האָבן די קינדער זיך צעלאַכט און דער אַלטיטשקער האָט זיך מיט זיי ווידער אַ שפּאַס געמאַכט:

— אָבער איר ווייסט טאַקע זיכער, אַז דער זומער דאַרף איצט קומען?

— אַוואַדע! — האָבן זיי אויסגעשריגן — היינט איז דאָך דער 21-סטער דעצעמבער!

— נו, נו, מירן זען, צי ער וועט קומען...

אַ ווינטל האָט אַ בלאָז געטון.

א וואָלקן האָט זיך א לאָז געטון,
און דער אלטיטשקער האָט געזאָגט די קינדער א „גוטנטאָג”
און ער איז זיך א פריילעכער אוועק זיין וועג.
א ווײלע זענען די קינדער געבליבן שטיין און נאָכגעקוקט דעם גוטן זיידן. דערנאָך האָבן זיי זיך א לאָז געטון אויף פארשידענע וועגן,

צו גיין אנטקעגן
דעם ליבן זומער.
נאָר — זע נאָר!
פארכמארעט דער הימל,
און א בליץ און א דונער,
אָט גיט שוין א גאָס א רעגן!
זענען די קינדער געבליבן שטיין
און נישט געוווּסט ווּ צו גיין —
צי זוכן דעם זומער,
צי גאָר צוריק אהיים?

אינדעם איז ווידער אָנגעקומען יענער אלטיטשקער און דערזען,
ווי די קינדער שטייען אזוי נישט אהין און נישט אהער.
— וואָס איז מיט אייך דערמער? —
האָט ער זיי א פרעג געטון און אויסגעשפרייט צו זיי די הענט,
ווי ער וואָלט זיי אלע ארומגענומען.
און זיי זענען געשטאנען טרויעריק און אראָפּגעלאָזט די אויגן:
„דער זומער איז נישט געקומען...”
— אויב אזוי — האָט דער אלטיטשקער גענומען זיי גרינגער מאכן אויפן הארץ — אויב אזוי, ווייסט איר טאקע נישט! דער זומער איז געקומען און ער איז דאָ און ער וועט זיין!
— אזוי? און ווּ איז די זון, וואָס ער האָט באדארפט ברענגען? ווּ זענען די זונענשטראלן?
— ער וועט אָפּגעבן, קינדערלעך, ער וועט גאָרנישט שולדיק בלייבן!

— מיר ווילן שוין, שוין!

— שוין, קינדערלעך, גיט ער נישט... ער קומט פון זייער א ווייטן וועג. ער האָט זיך געשלעפּט איבער בערג און איבער טאָלן, איבער וועגן און אומוועגן, איז ער פול מיט שטויב. וויל ער זיך צומערשט אָפּפּוצן און אָפּוואַשן. שפּעטער אָבער וועט ער אָפּגעבן, ער וועט גאָרנישט שולדיק בלייבן!

א קאַלטער רעגן האָט אָנגעהויבן פאַלן און דער אלטיטשקער האָט אינדערגיך די קינדער אהיימבאגלייט.

— מאָרגן, איבערמאָרגן — האָבן די קינדער שוין צון אים געזאָגט — וועט שוין דער זומער זיכער זיין אָפּגעפּוצט און אָפּגעוואַשן.

נאָר ס׳האָט אסאך מער געדויערט, ווי א טאָג-צוויי. קימאַט די גאַנצע צייט, זינט ער איז געקומען, האָט ער זיך געהאלטן אין איין פּוצן און וואשן.

און דאָ אנומלט, שוין נאָך וואקאציעס געווען, האָט ער זיך ערשט רעכט צעפלאקערט — געהערט אזוינס?

די קינדער דאַרפן טרינקען, עסן, גיין אין שול אריין, קאָנען זיי זיך נישט רירן — א היץ, א פייער, נישט אָפּצואָטעמען!

ווערן זיי בייז, די קינדער:

— וואָס זאָגט מען נישט צו דעם זומער? איצטערט קומט ער!

— מע דאַרף לייענען און שרייבן,

— רעכענען און צייכענען,

— אין שול אריין גיין,

— איז ער דאָ!

— איצטערט קומט ער זיך צו גיין!

— אין 21-סטן דעצעמבער, ווען ער האָט יאָ באַדאַרפט קומען, איז ער געלעגן ערגעץ אין דער הינערפלעט!

— ווען מיר האָבן געהאט וואקאציעס, ווען מיר האָבן אזוי פיל צייט געהאט, איז ער געלעגן ערגעץ הינטערן אויוון!

— ווען מיר האָבן געוואָלט באָדן זיך אין טייך, ארומשפּרינגען

אויפֿן פרייעם פעלד, אָפּברענען זיך אויף דער זון, האָט מען אים נישט געזען פֿאַר די אויגן!

— אזוי גאָר, אזוי?

האָט דאָס דערהערט יענער אלטיטשקער, האָט ער זיי געפרעגט, וואָס זיי ווילן — וואָספאַרא טיינע זיי האָבן — ער האָט דאָך זיי געזאָגט, אז דער זומער וועט אָפּגעבן, נו גיט ער אָפּ, ער וויל נישט שולדיק בלייבן.

האָבן זיי געזאָגט, אז טאקע גוט, און וויל, נאָר — ווו איז ער געווען,

ווען די צייט איז געווען?...

און זיי זענען אַרום צום זומער מיט דער־אָ טיינע:

— הער נאָר, דו, כאָכעם מיינער!

ווו ביסטו געווען,
ווען די צייט איז געווען,
ווען איעדער האָט געוואָלט,
דו זאָלסט זיין?

היינט ביסטו דאָ,
ווען די שולע איז שוין דאָ,
ווען די צייט פון זומער
איז פארביי!

וואָס איז מיט דער זון היינט געשען ?

— פפפ... פפפ... או־פאַ. איז דאָס א פייער !

— שוין איינמאָל א פייער !

האָט מען געפּאַכעט אויף זיך, געבלאָזן, געקרעכצט, ווער ווען ס'האָט באַגעגנט.

— וואָלט אביסל כאַטש אָפּגערעגנט !

— אזא פייער איז נאָך נישט געווען !

— וואָס איז מיט דער זון היינט געשען ?

האָט איינער געזאָגט, אז אזוי :

— זונטיק, ווען די זון איז אויפן הימל ארוים, איז איר אנטקעגן געקומען א שטיק כמארע און האָט זי פארדעקט.

ווי די זון איז געגאַנגען, האָט דאָס שטיק כמארע זי פארדעקט.

איז מאָנטיק די זון ארוים א בייזע,

א הייסע.

האָט דער גאנצער הימל מיט א כמארע זיך פארצויגן

און האָט פארשטעלט דער זון די אויגן...

איז דינסטיק די זון שוין ארוים מיט א פייער, מיט דער כמארע זיך צו פארמעסטן.

און יעדן טאָג איז דאָס פייער גרעסער.

א צווייטער האָט זיך אָנגערופן, אז ס'איז נישט אזוי, ער ווייסט בעסער :

— דינסטיק האָט די זון געהערט, אז באַם עקוואַטער וועט מיטוואָך זיין א טעאַטער.

האָט זי זיך אויסגעפּוצט מיט האקל־באקל,
און געגאנגען זען דאָס ספּעקטאקל.
געקומען אהין, איז איר אלץ דאָרט זייער שיין געפעלן געוואָרן,
נאָר דער בילעט האָט זי געקאָסט צו טייער.
האָט זי געוואָלט זיך אויסשלאָגן פאר די הויצאָעס, איז, ווען זי
איז אוועק פון דאָרט, האָט זי זיך שוין אין איינוועגס מיטגענומען
אביסל פייער.
דאָס איז מיט דער זון היינט געשען,
זי איז נעכטן באם עקוואטער געווען.

און א דריטער האָט געזאָגט, אז נישט דאָס און נישט יענץ. די
זון האָט גאָר ליב צו גיין אין קינאָ, נישט אין טעאטער.
נאָר וואָדען? זי איז אלעמאָל נאָענט פון עקוואטער.
אי אזא פייער, ווי היינט, איז נאָך דאָ נישט געווען?
ווייסט ער טאקע נישט, וואָס דער זון איז היינט געשען.

דערפאַר גייען די קאַטשקעס באָרוועס

אויבן פליט א פויגל
און שטעלט זיך אויף א דאך,
אונטן גייט א קאַטשקע
און שטעלט זיך אָפּ און לאַכט.

קוקט אויף איר דער פויגל:
וואָס האָט זי זיך צעלאַכט?
קען קיין צוויי נישט ציילן
און ציילט אים אָפּ ביז אַכט...

ערשטנס, לאַכט זי, וואָס ער גייט נישט, נאָר ער פליט.
און ווידער א לאַך:
וואָס ווען ער האָט זיך איינגעמיט,
האָט ער זיך געשטעלט אויף א דאך
און נישט אויף דרערד, ווי זי, אויפן וועג.
און דריטנס, און פערטנס —
זי וואָלט אים אָפּגעציילט ביז אַכט...
נאָר זי האָט נישט קיין צייט.
הייבט זי זיך אויף אין מיצקע דערינען
און זי גייט זיך אוועק.

וואָס האָט זי אזוי נישט קיין צייט?
אהא, זי דאַרף נאָך גיין זייער ווייט.
העט-העט, אהין-אַ גלייך,
באָדן זיך, צום טייך.
און זי האָט נאָך נישט קיין באָד-אַנצוג.

און נישט קיין ווײַם הימל.
און נישט קיין גומענע שיך.
דערפאַר איילט זי זיך.
פאַרהייבט די פּאָלעס און גייט אַוועק,
און זי דרייט נאָך מיטן עק...

פאַרדריסט עס דעם פויגל, וואָס זי איז אַזוי גראָב...
דרייט ער אויס דעם קאָפּ
און קוקט איר אַזוי נאָך, ווי זי גייט
און ווי זי שטעלט זיך אָפּ.
אָט איז זי בײַ אַ שטעלכל,
ווו מע פאַרקויפט די אַלע באָד־זאַכן.
זי הייסט זיך זיי צושיקן אַהיים־אַ גלייך.
און ווען זי קומט אַהיים און טרעפט נאָך נישט די זאַכן,
טוט זי זיך אויס נאַקעט און באָרוועס
און גייט דערווײַל אַזוי אַרײַן אין טײַך.

קלערט דער פויגל נישט קיין סאַך
און ער טוט די פליגלען אַ צעמאַך
און אַ פלי צום טײַך, ביז צו יענעם ברעג,
און טוט אַ כאַפּ איר אָנטועכץ און פליט אַוועק!
און זי, די קאַטשקע, באָדט זיך און באָדט זיך אויס,
און זי שווימט זיך שוין גלייך אַרויס.
נאָר פלוצים, אַ צאָרע, אַ קלאָג!
ווו איז דאָס אָנטועכץ? אַ נעכטיקער טאָג!
נישט קיין אַנצוג און נישט קיין שיך,
אוי, וויאַזוי רירט מען זיך!

איז זי דאָרט געזעסן דרײַ טעג און דרײַ נעכט.
געזעסן און געזעסן אין איינע זאָרג:

דאָס אָנטװעכץ איז נישטאָ און קיין אַנדערס שיקט מען נישט צו.
אפּאָנעם, אַז מע װיל איר נישט געבן אויף קיין באָרג.
און קיין געלט האָט זי נישט.
און — אױ, די זאָרג איז גרױס!
פאַר צאָרעס איז איר אַזש אױפן לייב װײסע פּעדערן אַרױס.
האָט זי, הייסט עס, שױן אַן אָנצוג...
װאָלט זי שױן געגאַן אַהײם, האָט זי אָבער נישט קיין שיך.
נאָר מיילע, דאָס װעט זי שױן נישט האָבן אַזױ גיך.

אויבן פליט א פויגל
און שטעלט זיך אויף א דאך,
אונטן גייט א קאטשקע
און שטעלט זיך אָפּ און טראכט:

האָט נישט דער־אָ פויגל
מיין אָנטװעכץ באשטאט?
װאָלט איך קענען פליען,
װאָלט גאָרנישט נישט געשאט...

פישעלע און פישעלע

איין פישעלע איז געווען א יינגעלע, וואָס האָט געהייסן פישעלע.
און איין פישעלע איז געווען טאקע אן עמעסדיק פישעלע.
דאָס יינגעלע פישעלע איז געקומען צום טייך זיך באָדן. דאָס ערשטע מאָל, וואָס די מאמע האָט אים דאָס יאָר מיטגענומען.
און דאָס עמעסע פישעלע איז זיך געשווומען מיטן טאטן איבער דער גאנצער ברייט פון טייך, ביז זיי זענען צום סאמע ברעג צוגעשווומען.
האָט דאָס יינגעלע פישעלע א מאך געטון צו דער מאמען:
— אוי, מאמע, זע נאָר!
אזא גרויסער פיש,
גרוים ווי אונדזער טיש!
— דער גרויסער פיש איז א טאטע — האָט די מאמע אים צו פארשטיין געגעבן.
— און דאָס קליינע פישעלע? — האָט ער איבערגעפרעגט — ווער איז דאָס קליינע פישעלע, וואָס שווימט דערלעבן?
— דאָס איז דעם טאטנס א קינד.
— שווימט עס שוין אזוי געשווינד?
— יאָ־יאָ.
— האָ־האָ!
און אינמיטן האָט די מאמע זיך דאָרט מיט עמעצן פארעדט און פארשמועסט און דערנאָך גיט זי זיך א קוק ארום — איר יינגעלע איז נישטאָ.
פאלט איר איין, אז איר פישעלע
איז אווודע געלאָפן צו יענעם פישעלע...
נאָר לאָזן לאָזט זיך גאָר אוים,

אז יענץ פישעלע איז אויפן ברעג ארויס.

א כוואליע האָט אָנגעיאָגט און האָט עס אויפן זאמד ארויף־ארויסגעשפּיגן.

איז עס שוין דאָרטן אזוי געבליבן ליגן.

דער טאטע זוכט עס אוואדע ערגעץ ארום.

אָט־אָט־אָט, דאָרטן־אָ שווימט ער טאקע אום!

— קום, פישעלע, קליין פישעלע, וועל איך דיך נעמען צו דיין טאטן — האָט דעם יינגעלעס מאמע דערקוקט דאָס פישעלע.

זי האָט עס אויפגעהויבן פונעם זאמד און עס צוגעטראָגן ביז צום וואסער און עס דאָרט אריינגעלאָזט שווימען.

— שווים, שווים, פישעלע, ביז צו דיין טאטן צו!

האָט דאָס פישעלע א שפּרונג אונטער געטון:

— א שיינעם דאנק דיר, גוטע, דו!

און נאָכן דאנק איז זיך דאָס פישעלע אוועקגעשוווּמען ווייט־ווייט.

און די מאמע ווידער איז זיך דאָרט געשטאנען און ארויסגעקוקט אויף איר יינגעלע א היפּשע צייט.

— אויב אזוי — האָט זי זיך שוין גענומען שרעקן — אויב אזוי, איז עס דאָך טאקע נישט קיין שפּאס!

פריער האָט זיך איר אויסגעוויזן, אז ער שפּילט זיך דאָרט ערגעץ אין זאמד מיט די קינדער פון דער גאס.

איצט האָט זי שוין טאקע דערזען, אז ער פעלט.

— ווי איז דער מאמען! — מער האָט איר נישט געפעלט!

ווו זענען אירע אויגן געווען? וואָס האָט זי זיך אזוי פארטראכט?

און דאָ פאלט שוין צו די נאכט!

נעמט זי און זי לויפט אין וואסער, צי באָדט ער זיך נישט דאָרטן ערגעץ צווישן די קינדער.

גייט זי, גייט זי, טיפער, טיפער און זע נאָר, — נאָר עפּעס ווי א וואונדער!...

ער באָדט זיך טאקע דאָרט, אָט הייבט ער זיך אויף און לויפט צוריק, גלייך צו דער מאמען.

האָט זי פאר פרייד אזש א געשריי געטון:

— א געדולע דער מאמען!

יינגעלע מיינס, ווו ביסטו געווען?

— פרעג שוין גאָרנישט, מאמעניו, וואָס ס׳איז געשען!

איך בין געגאנגען אזוי אין וואסער, ביז צום בייכעלע, דערנאָך ווייטער, ווייטער, דערנאָך — איך בין שוין געווען ווייט-ווייט — איז פלוצים צוגעשווומען יענער גרויסער פיש מיטן קליינעם פישעלע, און זיי האָבן צו מיר א מאך געטון, אז אזוי טיף מעג נאָר שווימען אַן עמעסדיק פישעלע.

נישט א יינגעלע, וואָס הייסט פישעלע!

האָב איך מיך אויפגעהויבן און קוים געקאָנט אנטלויפן.

— אזוינס זאָל זיך פארלויפן! —

האָט די מאמע זיך פארוואונדערט —

דאָס טרעפט זיך עפשער איינמאָל צווישן הונדערט!

און זי האָט געכאפט און אינדערגיך געהאָלפן אָנטון איר פישעלע, ווייל ס׳איז שוין געווען טאקע באלד נאכט.

און די מאמע מיטן יינגעלע האָבן דעמאָלט פאר פרייד, געוויינט און געלאכט.

צו דער באבע סאָרע פריידע

נעכטן זייגער זעקס אינדערפרי — אזוי גאנצפרי —
כאפּט זיך מאלקע אויף מיט א פרייד, אז זי גייט,
זי לויפט, זי פאָרט, זי פליט צו דער באבע סאָרע פריידע.
קוקט די מאמע, קוקט דער טאטע, קוקן, שמייכלען ביידע.

אייערנעכטן האָט מען גערעדט —
ווען האָט מען נישט גערעדט ? ... —
אז מע וועט און מע וועט,
היינט צי מאָרגן, פרי צי שפּעט,
א פאָר טון צו דער באבען,
זען וואָס זי טוט, זען וואָס זי מאכט.
וואָסער צייט מע האָט זי שוין נישט געזען,
האָ־האָ־האָ, שוין א יאָר אכט !

איז עס בא מאלקען אויסגעפאלן אויף נעכטן,
נעכטן איז נעכטן.
דארף מען נאָר... א קאָץ מיט אן אינדיק צונויפפּאָרן
און — פאָרן איז פאָרן.
בא מאלקען איז גלייך
אן אייזן — א רעלס, א ברעטל — א שיף אויפן טייך.
א שטעקעלע — א רודער, און זי מאכט שוין רעפּעטיציע...
זי רודערט, זי שיפט זיך שוין צו דער באבען קיין גאליציע.

* * *

דער טאָג איז געווען אן אויסגעשפּילטער :
נישט צופיל היץ, נישט צופיל ווינט.
און דערצו האָט „זונטיק" געהייסן דער טאָג —
אזא גליק אויף אסאך טעג געזאָגט ! —

פריי פון ארבעט, פריי, פריי,
באָדן זיך טאטע־מאמע מיט זייער טעכטערל, אלע דריי.
טאטע־מאמע איינער אנטקעגן אנדערן, ווי אויפגעשטעלטע ווענט,
און מאלקע, ווי אין א שיפעלע, אויף זייערע צונויפגעלייגטע הענט.

שווים, שווים, שיפעלע, אלץ ווייטער פונעם ברעג,
שווים, שווים, שיפעלע, אזש ביז צו יענעם עק!
דאָרטן שטייט די באבע אויף דער שוועל פון הויז,
און זי שטייט אוןווארט און זי קוקט ארויס.
שווים, שווים, שיפעלע, שווימזשע, שווימזשע גיכער,
אָט יענע דאָרט מוז זי זיין, יאָ, דאָס איז זיכער!
גיכער, גיכער, גיכער, אזש די ביינער קנאקן,
קום איך צו דער באבען צו און קוש איר אוים די באקן.

א פארקנייטשטער שטערן, אויגן דורך די ברילן
נעמען וויינען, לאכן, קאָנען זיך נישט שטילן...
— וואָס, מיין זון? מיין טאָכטער? קינדער מיינע!
און אוי, געוואלד, ווער איז די קליינע?
קינדערלעך! — זי שפרינגט שיר פון דער הויט —
קאניינאָרע אזא מויד!
מאלקע שיינע, מאלקע הייסטו,
און אז איך בין דיין באבע, ווייסטו?...

* * *

די זון האָט א ברי געטון, דערמאנט אין מיטיק־צייט,
איילן טאטע־מאמע מיט זייער טעכטערל פונדערוויים.
די „שיף" שווימט פון יענעם עק,
ביז ארוים, ארוים, אויפן ברעג.
מאלקע איז פארקלערט, פארטון — האָ־האָ, ווו זי איז געווען!
פרעגן זי באקאנטע, וואָס מיט איר איז געשען,
גיט זי א קוק אויף דער מאמען, אויפן טאטן, אויף ביידע,
און זאָגט פארטראכט, אז זי איז געווען בא דער באבע סאָרע פריידע.

די מאַמע האָט אױפֿגענײט אַ קלײדעלע

די מײסע איז זיך פֿאַרלאָפֿן אינמיטן העלן טאָג.

יטעלעס טאַטע איז נאָך נישט געװען צוריק פֿון דער אַרבעט. ס'האָט נאָך געפֿעלט מער װי צװײ שאָ ביז צו זײַן אַהײמקומען. זײגער דרײַ באַטאָג איז ערשט געװען.

די שטוב איז געװען צוגערוימט.

יטעלע איז געװען אױפֿגעפּוצט. זי האָט דעמאָלט באַנײַט אַ שײן קלײדעלע, װאָס די מאַמע האָט איר אױפֿגענײט.

איז געשטאַנען די מאַמע און זיך געשפּיגלט אין איר: װי שײן דאָס קלײדעלע פּאַסט איר. װי גוט סע ליגט אױף איר. װי שײן זי איז — די שענסטע אין דער גאַנצער װעלט!

דער מאַמעס פּנים האָט געשטראַלט פֿאַר פֿרײד.

יטעלעס אײגעלעך האָבן געגלאַנצט און געפֿינקלט.

און אַ שײנע, ליבע זון, האָט דורכן אָפֿענעם פֿענצטער אַרײַנגעשטראַלט און פֿאַרבעטן אױף אַ שפּאַציר. יטעלען האָט מען נישט געדאַרפֿט בעטן, זי האָט אַלײן געװאָלט גײן שפּאַצירן. און די מאַמע האָט זיך אױך נישט אָפּגעזאָגט פֿון אַזאַ זאַך. דערצו נאָך דעמאָלט, װען יטעלע האָט דאָס קלײדעלע באַנײַט.

גײט די מאַמע מיט איר שפּאַצירן און באַקוקט זי און באַמעסט זי פֿון קאָפּ ביז פֿוס: װי גוט דאָס קלײדעלע ליגט אױף איר. װי שײן זי גײט, װי שײן... אָ, איר יטעלע, איר אײן אױג אין קאָפּ! קײן שלעכטן טריט זאָל זי נישט טון, קײן בײז װינטעלע, קײן... אָ, איר אײן אױג אין קאָפּ!

זענען זײ געגאַנגען און געגאַנגען. נישט װײַט פֿון זײ איז אַ װעלדעלע געװען, אַ שיטער סאָסנעװע װעלדעלע.

די סאָסנעס זענען פֿון דער גליענדיקער זון צעפּאַרעט געװען,

האָבן זיי אויסגעשפּרייט א זיסן רייעך. אזא רייעך, וואָס פאַרווינט און פאַרשלעפּט, ווי א מאמעס א לידעלע...

ייטעלעס מאמע האָט זיך טאקע אנידערגעזעצט ערגעץ דאָרט אויף א שטיין און ייטעלען געזונגען א לידעלע.

נאָר דעמאָלט האָט דאָס לידעלע נישט איינגעשלעפּט ייטעלען, נאָר גאָר די מאמען. זי איז אזוי מיד געווען פון אזויפיל זאכן:

פון נייען דאָס קליידעלע. פון דער פרייד, וואָס ייטעלען פּאַסט עס אזוי שיין. פונעם שפּאציר, פונעם סאָסנעווע וועלדעלע. און — פון איר ציטערן און פלאטערן איבער איר ייטעלען, איר איין אויג אין קאָפּ.

איז די מאמע אנדרימלט געוואָרן מיט איר ייטעלעס קעפּל אין שויס. ייטעלע איז געווען וואך. זי האָט אינזינען געהאַט נישט צו צעקנייטשן דאָס נייע קליידעלע. און די מאמע האָט א דרימל געכאַפּט אויף עטלעכע מינוט, נאָר איר געדאַנק איז געפלויגן וועד ווייסט ווי ווייט!

ביזן סאָסנעווע וועלדעלע, ווייטער, ווייטער — האַלט!

ס׳איז שוין נישט קיין וועלדעלע, ס׳איז שוין א גרויסער, געדיכטער וואלד.

מיט לייבן און בערן — מיט ווילדע כייעס.

און איר ייטעלע, איר איין אויג אין קאָפּ — סע גייט איר אויס דאָס כייעס!

כאַלעמט זיך דער מאמען, אז ייטעלע גייט און פאַרגייט אין גרויסן, געדיכטן וואלד, אין טיפן, טיפן וואלד.

לייבן און בערן ארום און ארום.

ווילדע אויגן, אָפענע מיילער, שארפע ציין, גרויסע לאפּעס, און א געבריל און א געברום:

— א מיידעלע, נעם עס! א מיידעלע, כאַפּ עס!...

און איר ייטעלע, טויט דערשראָקן, פאַלט אנידער, שוין, שוין...

נאָר דאָ הייבט מען זי גאָר אויף און מע טוליעט זי גאָר, און

מע גלעט זי — ווער זאָל דאָס זיין? און זע נאָר, גאָר א לייב!
מילדע אויגן, די בליקן דערקוויקן.
ווייכע לאַפּעס, צערטלען און גלעטן.
און דאָס מויל — ווי סע זאָל בעטן:
מיידעלע, מיידעלע, זיי נישט דערשראָקן.
ס'האָט נישט קיין בייז מיט דיר געטראָפן. —
דער לייב איז א לייבעכע מיסטאַמע, א מאַמע! — און די לייבעכע פירט זי פון בוים צו בוים, פונעם וואַלד ארויס, ארויס...
ביז זי דערזעט פונדערווייטן די מאַמען, ווי זי זוכט זי ארום. דאָס כייעס גייט איר אויס!

איינס, צוויי, דריי, פיר, פינעף — דער זייגער האָט אויסגעקלונגען פינעף, און די פאַבריק האָט אויסגעפייפט: „פּ־פּ־פּ... פּ־פּ־פּ... פּ־פּ־פּלי... פּ־פּ־ליט אהיים!..."
ייטעלעס טאַטע איז טאַקע אהיים נישט געגאַנגען, נאָר געפלויגן! א גאַס ארויס, א גאַס אריין, ביז אין שטוב אריין.
און אויף דער שוועל האָט אים שוין באַגעגנט זיין ייטעלע מיט א פרייד, מיט א געזאַנג. זי האָט געוואָלט אויסכאַפּן און דערציילן, וואָס מיט דער מאַמען האָט געטראָפן. נאָר די מאַמע איז איר דעם וועג פאַרלאָפן און דערציילט דעם טאַטן, וואָס איר האָט זיך געדאַכט. האָט דער טאַטע זיך צעלאַכט.
ער האָט געזאָגט, אז ווען סע דערציילט דאָס אים עמעצער אנדערש, וואָלט ער געמיינט, אז די גאַנצע מייסע איז אויסגעטראַכט.
דערנאָך האָט ער גענומען באַקוקן זיין ייטעלען, ווי זי זעט אויס אין דעם נייעם קליידעלע, וואָס די מאַמע האָט איר אויפגענייט.
ער האָט נישט געקענט אראָפּנעמען קיין אויג פון איר:
— אך, ווי שיין, ווי שיין!
און זי, ייטעלע?
מאָרגן וועט זי קומען אין שול אריין מיט א ניי קליידעלע.

איינער אליין אויפן קאמף

די ערשטע פריינטשאפט

איינמאָל, אין א פרילינג-פארנאכט איז עס געוועזן, גייט אזוי דער לערער פייערמאן, פארביי א גרויסן הויף, שטעלט ער זיך פלוצים אָפּ און קוקט אזוי פארטראכט.

אין ווינקל, לעבן א „ראנטשאָ" איז געשטאנען דער גרויסער, שווארצער הונט טשיטשאָ, מיט די הינטערשטע צוויי פיס אין זיין בודע און מיט די פעדערשטע צוויי פיס אינדרויסן און געקוקט אזוי פארזאָרגט, גלייך ווי ער וואָלט באדארפט א שטוב מיט קינדער אָנצוהאָדעווען.

— טשיטשאָ — האָט אים דער לערער פייערמאן געפרעגט — וואָס ביסטו אזוי פארזאָרגט? וואָס? דיינע שיפן זענען דיר אונטערגעגאַן?

האָט אים טשיטשאָ געענטפערט, אז:

— ניין, קיין שיפן זענען מיר נישט אונטערגעגאַן, נאָר... דיר זענען דאָך אויך קיין שיפן נישט אונטערגעגאַן און פונדעסטוועגן זע איך, אז דו דרייסט דיך ארום אזוי טרויעריק, ווי איך!

— ניין, טרויעריק בין איך נישט. מיר איז נאָר אצינד א ביסל אומהיימלעך. איך האָב דאָ קיינעם נישט אין דער קאָלאָניע. ווען איך בין אין שול, איז מיר גוט. נאָר נאָך דער שול ווערט מיר אומהיימלעך. איך האָב דאָ קיינעם נישט. איך בין דאָ איינער אליין אויפן קאמפּ. א פארוואָרפן ווינקל דאָ און איך בין געוווינט צו לעבן צווישן אסאך מענטשן, אָבער דו, וואָס פעלט דען דיר? א בודע, וואָס זאָל דיך שיצן פון רעגן, האָסטו! ביינער צו גריזען, האָסטו! וואָסזשע פעלט דיר? פארוואָס ביסטו אזוי טרויעריק?

האָט טשיטשאָ זיך גענומען אויסרעדן דאָס הארץ פאר פייערמאנען, אז כאָטש אים פעלט אין דעם הויז גאָרנישט, פעלט אים פונדעסטוועגן אסאך.

ער האָט טאַקע א בודע, וואָס זאָל אים שיצן פון רעגן.
ער האָט טאַקע ביינער צו גריזען.
אַלץ טאַקע גוט און פונדעסטוועגן פעלט אים אסאך —
עפּשער דאָסזעלבע, וואָס אים, פּייערמאַנען...
וואָסי?
קיינער קוקט זיך אויף אים נישט אום.
קיינער גיט נישט צו אים קיין פריינטלעכן פייף.
קיינער בייזערט זיך אפילע נישט אויף אים —
א כאַוועך פעלט אים.
גייט ער אוועק זוכט אים קיינער נישט.
קומט ער צוריק, פרעגט אים קיינער נישט: „ווו ביסטו געווען?" —

טשיטשאַ האָט זיך פאַר פּייערמאַנען אזוי אויסגערעדט דאָס הארץ און אזוי געקוקט אויף אים, און פּלוצים האָט ער צו אים א מאַך געטון:

— עפּשער וואָלסטו מיר א כאַוועך געוואָרן?
דו ביסט דאָך אויך איינער אליין!
איך וועל דיר זיין א כאַוועך, א גוטער כאַוועך!

אינדעם איז פון דער „ראַנטשאָ" ארויסגעקומען א מענטש, מיט א מאַטע אינדערהאַנט און איז געבליבן שטיין אזוי פּויל — געצויגן די מאַטע און געקוקט דאָרט ערגעץ.

גלייך ווי ער האָט זיך באַוויזן, איז טשיטשאַ צו צון אים און זיך געדרייט ארום אים און זיך געלייגט פאַר זיינע פיס. נאָר יענער האָט זיך אויף אים אפילע נישט אומגעקוקט, ער איז געשטאַנען פאַריסן דעם קאָפּ און געקוקט צום הימל ערגעץ.

פּייערמאַן האָט זיך אזוי צוגעקוקט צו דעם און פּלוצים האָט ער צו דעם מענטש זיך געווענדט און אים געפרעגט, צי ס'איז פאַראַן דאָרט אין הויף נאָך הינט.

יענער האָט אים אזוי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט און אים געענטפערט קורץ:

[library stamp]

— פאַראַן.

האָט אים פײערמאַן איבערגעפרעגט:

— אַסאַך?

— אויף יעדן שפּאַן.

האָט פײערמאַן אָנגעװיזן אויף טשיטשאָן און געפרעגט:

— מעג איך מיר אים עפּשער נעמען?

װילט איר מיר אים עפּשער שענקען?

האָט יענער געענטפערט מיט די הענט פאַרלײגט:

— װער סע װיל אים נעמען, קען אים...

קײנער װעט נאָך אים נישט בענקען.

— אַ דאַנק... — האָט פײערמאַן אַ זאָג געטון און געװאָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט בעסער אַ נעם געטון טשיטשאָן און גיך מיט אים זיך אָפּגעטראָגן.

און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט שוין פײערמאַן געהאַט טשיטשאָן בײַ זיך אינדערהײם.

דאָס ערשטע האָט ער געבאָדן אים, געזײפט, געװאַשן און געקעמט — אים ריין געמאַכט.

דערנאָך האָט ער זיך מיט אים אַנידערגעזעצט אויפן הויף, אים געגעבן עסן און זיך אָנגעגאָסן אַ מאַטע — געפּראַװעט די ערשטע פרײַנטשאַפט.

* * *

די זון האָט זיך שוין געהאַט געזעצט.

אַ ליכטיקער, שײנער אָװנט האָט זיך שנעל פאַרצױגן איבער יענעם קלײנעם הײפעלע און אָנגעזאָגט, אַז:

נאַכט װערט אין דער גרופּע.

נאַכט אין דער גאַנצער קאָלאָניע.

נאַכט איבערן גאַנצן לאַנד.

נאַכט, נאַכט, נאַכט. —

3/3

25689
.פ.י

דאָס קליינע גערטנדל בא יענעם הייפעלע איז געוואָרן טונקל גרין.

טונקלער, טונקלער, די אויגן פארמאכט...

נאכט.

נאָר פייערמאן מיט טשיטשאָן זענען געזעסן וואך.

זיי האָבן זיך, איינער דעם אנדערן, גענומען דערציילן, וואָס מיט זיי האָט שוין פאסירט אין לעבן. זיי האָבן זיך געקוקט אין די אויגן מיט אזויפיל פריינטשאפט — קיינעם פון זיי איז נישט איינגעפאלן, אז דידאָזיקע פריינטשאפט זאָל אמאָל קענען איינס און צוויי צעשטערט ווערן.

בא דער שיין פון דער לעוואָנע זענען זיי דעמאָלט געזעסן, ביז שפעט אינדערנאכט.

ביז זיי האָבן ביידע די אויגן פארמאכט.

טשיטשאַ וויל גיין אין שול אריין

גאַנצפרי, אַזיוווי די זון איז נאָר אויפגעגאַנגען, האָט זי אירע ערשטע שטראַלן געשיקט אַ קוק טון, וואָס סע הערט זיך עפּעס באַ די נייע צוויי כאַווייריס:

באַ דעם לערער פייערמאַן און באַ דעם הונט טשיטשאַ.

דער לערער פייערמאַן איז נאָך געלעגן אויף זיין בעטל און געשלאָפן. טשיטשאַ ווידער איז געלעגן לעבן בעטל, אויף אַן אַלטער קאָלדרע, דעם קאָפּ אין אַ זייט און די אויגן פאַרשלאָסן.

ס׳איז שווער געווען צו דערקענען, צי שלאָפט ער, צי ליגט ער אַזוי און קלערט וועגן דעם, וואָס ער האָט באַקומען אַזאַ גוטן כאַווער, אַזאַ גליק, וואָס אים האָט געטראָפן, — סע זאָל אים נאָר נישט פאַרשטערט ווערן!

פּלוצים האָט ער זיך געטון אַ כאַפּ-אויף און שנעל זיך אַ שטעל געטון אויף די פיס.

ער האָט זיך אַפילע נישט אויסגעצויגן, נישט אויסגעגלייכט זיך די ביינער, נישט אויסגעגענעצט זיך, ווי זיין שטייגער, נאָר אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין דער לינקער זייט און געקוקט און געפאָרשט:

— וואָס טוט זיך עם מיט מיר?

ווו בין איך עם ערגעץ?

באַלד האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ זיינעם אין דער רעכטער זייט און האָט דערזען פייערמאַנען. האָט ער זיך שוין דערמאַנט אַלצדינג, וואָס און וויאַזוי דאָס איז מיט אים נעכטן געשען. און ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט און אים געקוקט גלייך אין פּאָנעם אריין, די גאַנצע צייט, ביז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

די גאַס האָט זיך פּלוצים אַ טרעסע געטון פון די פעסטע קוילעס

פון געזונטע קאָלאָניסטן, וואָס זענען געגאַנגען אויפן פעלד ארויס צו דער ארבעט:

— גוטמאָרגן, שימקע, א שיינער טאָג סע שטעלט זיך!

— העי, אָשער, דיין לאָשעק צעבריקעוועט זיך!

— נישקאָשע, ער'ט נישט פארפאלן ווערן.

— העי, זע נאָר דאָרט...

דער לערער פייערמאן האָט זיך איבערגעוועקט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, ווי עמעצער שרייט אים אריין אין די אויערן אריין, אז:

„דאָ שלאָפט מען שוין נישט אצינד! אין שטאָט דאָרט, קען זיין, דאָ — נישט! דער דרויסן רופט! די ארבעט רופט! דאָס פעלד ווארט..."

איז ער שוין וויטער נישט געשלאָפן, פייערמאן. דאָס ערשטע האָט ער א גלעט געטון טשיטשאָן און אים געפרעגט, וויאזוי ס'איז זיך אים געשלאָפן אין דער נייער דירע. דערנאָך איז ער אראָפּ און זיך גענומען אָנטון.

טשיטשאָ איז שיר נישט מעשוגע געוואָרן פאר פרייד. ער האָט א כאַפּ געטון פייערמאנס א „סאפּאַטיזשע" און גענומען לויפן מיט איר איבערן צימער, אהין־און־צוריק, אהין־און־צוריק. דערנאָך האָט ער נאָכגעלאָזט די „סאפּאַטיזשע" און געוואָלט זיך אָנכאַפּן דעם עק, האָט ער זיך גענומען דרייען אין א רעדל ארומונארום, ארומונארום.

דאָס האָט ער, ווייזט אויס, געוואָלט אויסדריקן פייערמאנען, ווי צופרידן ער איז.

אויך פייערמאן האָט ארויסגעוויזן, אז ער איז צופרידן. ער האָט זיך נישט געזעצט עסן אָן אים. ער איז אין ערגעץ נישט געגאַנגען אָן אים. אפילו ווען ער איז געגאַנגען אין שול אריין, האָט ער אים געפרעגט, צי ער וויל בלייבן אינדערהיים, צי ער וויל מיטגיין. טשיטשאָ האָט געזאָגט, אז ער וויל נישט בלייבן אליין, האָט אים פייערמאן מיטגענומען.

אויפן וועג אין שול אריין האָט פייערמאן מיט אים איינגעטיינעט, וואוהין ער גייט, וואָס ער וועט דאָרט טון — לערנען

מיט קינדער — האָט ער אים געזאָגט, האָט זיך טשיטשאָ גאָר דערפרייט.

— זייער פיין! — האָט ער אויסגערופן — איך האָב שוין לאַנג געטראַכט דערפון, אויסצולערנען זיך לייענען און שרייבן.

— יאָ, טשיטשאָ, איך וועל דיך טאַקע לערנען, נאָר אינדערהיים, נישט אין שול. ווען מיר וועלן צוקומען צו דער שול, וועסטו מוזן בלייבן אינדרויסן.

— פאַרוואָס? — איז טשיטשאָ טרויעריק געוואָרן — פאַרוואָס זאָל איך נישט אַריינגיין אינעווייניק לערנען גלייך מיט אַלע? איך וועל זיצן שטיל, איך וועל פאָלגן, איך וועל מיך גוט אויפֿירן, וועסט זען!...

— יאָ, טייערער טשיטשאָ, איך ווייס, אַז דו ביסט אַ ווױלער און אַ פיינער, אָבער פאַרשטייסט... אין שול דאָרט איז נאָר פאַר קינדער.

און טשיטשאָ האָט ווידער געטיינעט דאָסזעלבע:

— ווי הייסט? פאַרוואָס? איך וועל זיצן שטיל, איך וועל פאָלגן, איך וועל מיך גוט אויפֿירן, וועסט זען!...

נאָר ס'האָט אים גאָרנישט געהאָלפן, טשיטשאָן, ער האָט געמוזט בלייבן אינדרויסן.

אין אָנפאַנג האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן אויף פייערמאַנען, אַז ער האָט אים באַלד כיישעק געהאַט איבערצולאָזן און אים מויכל זיין די גאַנצע פריינטשאַפט זיינע. נאָר ער האָט זיך געכאַפּט, אַז פייערמאַן איז געווים נישט שולדיק. פייערמאַן איז אים זיכער אַ געטרייער כאַווער און אַז ער לאָזט אים איבער אינדרויסן, איז מיסטאַם מוז ער אַזוי, מיסטאַם קען ער נישט אַנדערש.

איז ער שוין געלעגן אַזוי, אינדרויסן פאַר דער שול, געלעגן געדולדיק און געוואַרט.

א כאַוועך זאָל אונדז טון?

באַלד באַ דער ערשטער האַפּסאַקע, איז דער לערער פֿייערמאַן אַרויסגעקומען פֿון דער שול און ער איז צו צו טשיטשאַן און מיט אים זיך דערפֿרייט, און ער איז צוריק אַריין.

אַזוי איין מאָל, אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל, און דערנאָך איז ער שוין אַרויס און גענומען טשיטשאַן, מיט אים אַהיימצוגיין.

נאָר טשיטשאַ איז עפּעס געבליבן שטיין און געקוקט אויף די קינדער, ווי זיי לויפֿן אַרויס פֿון דער שול מיט אַזאַ פֿרייד, מיט אַ געקוויטשעריי און כאַפּן זיך אַרויף — ווער אויף אַ פֿערדל און ווער אויף אַ „סולקי" און פֿאַרשווינדן. אַנדערע ווידער גייען און ווייזן זיך די העפֿטן און זינגען זיך לידלעך — אַך, ער האָט זיי אַזוי מעקאַנע געווען, פֿאַרוואָס זיי גייען אין שול און ער נישט! און זיין כאַוועך, דער לערער פֿייערמאַן, גייט אויך אין שול, נאָר ער איינער נישט! ער בלייבט אַליין אינדרויסן...

ווייטער אָבער, אַ כוץ דער שול, איז, ווו דער לערער פֿייערמאַן איז געווען, איז טשיטשאַ געווען. באַטאָג און באַנאַכט, באַם עסן און באַם שלאָפֿן.

אַזוי אַ שטיק צייט, און מיט יעדן טאָג איז די פֿריינטשאַפֿט צווישן זיי אַלץ מער פֿאַרשטאַרקט געוואָרן.

ביז — ביז איינמאָל, אין אַ פֿינצטערער נאַכט.

ס'איז געווען אַ סאָפּכוידעש-נאַכט, שטאָקפֿינצטער, דערצו איז נאָך דער הימל פֿאַרכמאַרעט געווען. אָט-אָט גיט אַ כליאָפּ אַ רעגן, דעם גאַנצן קאַמפּ צו פֿאַרגיסן.

פֿייערמאַן איז דעמאָלט געזעסן באַ זיך אין צימער און געאַרבעט. ער האָט איבערגעקוקט די שול-העפֿטן פֿון די קינדער, און דערנאָך האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו זיין מאַמען קיין פּוילן, דערנאָך האָט ער אַזוי עפּעס געשריבן.

אינמיטן דערינען איז אים באַפאַלן אַ מידקייט. האָט ער געלאָזט אַזוי אַלץ אויפן טיש און אַרויס אויפן הויף אָפּאָטעמען, זיך אָפּרוען, און אַ ביסל לענגער זיך פאַרזאַמט.

טשיטשאָ איז גאָר צופרידן געווען, וואָס זיין כאַווער קומט נישט אַריין אַזוי גיך, און וואָס ער איז אַרויס אַזוי־אָ, איבערגעלאָזט אַלץ אויפן טיש.

נאָך פון ווען, אַז ער וויל זיך אויסלערנען לייענען און שרייבן, אָבער אַלעמאָל, ווען זיין כאַווער לאָזט אים איבער אין צימער, ראַמט ער אַלץ אַראָפּ פון טיש און באַהאַלט.

איצט איז גוט, איצט וועט ער זיך אויסלערנען לייענען און שרייבן און וועט מער נישט דאַרפן זיצן און קוקן ווי אַ טאַם, וואָס פייערמאַן טוט.

איז ער צו צום טיש און זיך גענומען פאַרען. עפּעס האָט ער דאָך געוווּסט, וויאַזוי מע באַגייט זיך מיט די־אָ זאַכן... ער האָט דאָך געזען וויאַזוי פייערמאַן טוט. האָט ער גענומען לייענען, שרייבן — מאַכן די ערשטע לעקציע...

אינדערמיט איז פייערמאַן אַריינגעקומען אין שטוב אַריין — אַ קלאָג, אַ כורבן! צעקנייטשט די פּאַפּירן, איבערגעקערט די טינט, צעריסן, פאַרשמירט — וואָס איז דאָ געשען!

און ער איז בייז געוואָרן און גענומען טשיטשאָן און אים אַרויסגעיאָגט אויף דער גאַס אַרויס.

דערנאָך האָט ער גענומען אויסווישן די טינט, אויפקנייטשן די פּאַפּירן, און אינמיטן דער אַרבעט האָט ער זיך באַרויקט און זיך באַרעכנט, אַז ער דאַרף נישט לאָזן טשיטשאָן אינדרויסן דאָרט, און אַז ער האָט אים אויך נישט באַדאַרפט אַרויסוואַרפן.

טשיטשאָ — האָט ער געטראַכט — איז עפּשער גאָרנישט שולדיק. ער האָט זיך אַוודע געוואָלט לערנען שרייבן. נו, איז וואָס? אַז מע האָט אים איבערגעלאָזט זיך צו פאַרען, האָט ער זיך געפּאָרעט...

און פייערמאַן איז אינמיטן ראַמען ארוים פאַר דער טיר טשיטשאַן אריינצורופן.

— טשיטשאַ, טשיטשאַ!

נאָר וואָס קען דאָס זיין? נישטאָ טשיטשאַ!

רופט ער נאָכאמאָל און נאָכאמאָל און ער גייט ארוים א פּאָר שפּאַן און קוקט אין אלע זייטן, קוקט און רופט און — אומזיסט. נישטאָ.

— האָט זיך באליידיקט, מיין כאווער! — האָט פייערמאַן צו זיך אליין א זאָג געטון און צוגעגעבן, אז ער איז טאקע גערעכט, טשיטשאַ, וואָס ער האָט זיך דערפילט באליידיקט. ווי הייסט טאקע, א כאווער זאָל נעמען און ארויסיאָגן פון שטוב? דערצו נאָך אין אזא פינצטערער נאכט, און א כמארע הענגט נאָך איבערן קאָפּ!

פייערמאַן האָט פארשלאָסן די שטוב און אוועק זוכן טשיטשאַן און אים איבערבעטן.

נאָר ווען ער האָט אים ארומגעזוכט א שטיק צייט און אים נישט געטראָפן, איז אים איינגעפאלן, אז אפילו ווען ער וועט אים געפינען, איז, ווער ווייסט, צי ער וועט אים שוין קענען איבערבעטן — ער קען זיין טשיטשאַן, זיין טשיטשאַ איז נישט ווי אנדערע הינט.

נאָר געגאנגען איז ער און אים ארומגעזוכט אזוי לאנג, ביז א גאָס רעגן האָט אים אהיימגעטריבן. ער איז שוין דעמאָלט אזוי גיך נישט געגאנגען שלאָפן. ער האָט זיך נאָך לאנג ארומגעדרייט אין שטוב איינער אליין און געטראכט וועגן טשיטשאַן, אז ער איז אוואדע ערגעץ אָן א דאך איבערן קאָפּ און איינער אליין...

אונטער יאנקעלעס וויגעלע

אונטער יאנקעלעס וויגעלע

אונטער יאנקעלעס וויגעלע
שטייט א קלאָר־ווייס ציגעלע,
דאָס ציגעלע... א־א־א... א־א־א...
ליו־ליו־ליו . . . —

האָט די מאמע אינמיטן זינגען ווי איבערגעהאקט.
יאנקעלע איז געלעגן אין וויגעלע און מיטן ציגגעלע צוגעקנאקט,
און אנטשלאָפן געוואָרן.

האָט די מאמע אויפגעהערט צוצוזינגען, און זי איז אוועק
פונעם וויגעלע.

האָט יאנקעלע זיך א דריי געטון און האָט דערזען דאָס ציגעלע.
און ער האָט א קנאק געטון מיטן ציגגעלע:
— דו ביסט אויך א ייגגעלע?
— ניין, איך בין א ציגעלע — האָט עס געענטפערט פון
אונטערן וויגעלע.

האָט יאנקעלע אויפגעעפנט דאָס מיילעכל:
— גיבזשע מיר א ראָזשינקע, גיבזשע מיר א מאנדל!
האָט דאָס ציגעלע זיך צעמעקעט:
— מע־ע־ע... מע־ע־ע... נישט אזוי־אָ גייט דער האנדל...

האָט יאנקעלע נישט פארשטאנען, וואָס דאָס ציגעלע מיינט,
האָט ער זיך צעוויינט:
— ראָזשינקעס מיט מאנדלען . . . איך וויל ראָזשינקעס מיט
מאנדלען.

איז דאָס ציגעלע אפיר פון אונטערן וויגעלע, און אָנגענומען
יאנקעלען באַם הענטעלע און אוועקגעפירט פונעם ווענטעלע, וו;
דאָס וויגעלע איז געשטאנען. און יאנקעלע איז אוועק מיטן ציגעלע
דאָרט אהין —

דאָס ציגעלע איז געפאָרן האנדלען
ראָזשינקעס מיט מאנדלען...

* * *

איז יאנקעלע געקומען אין א דאָרף אריין, האָט ער באגעגנט א פויער.

פרעגט יאנקעלע:
— מענטש, ווי גייט דיר?

— מענטש, א פרייד מיר —
מיר, דעם פויער! —

פרייד און פריד, איך זיי און שנייד,
איז מיר ליב איעדע צייט.

אָבער דאָס ציגעלע פון אונטער יאנקעלעס וויגעלע איז דאָך געפאָרן האנדלען. איז יאנקעלע אוועק פונעם פויער און ער האָט גענומען האנדלען —

„ראָזשינקעס מיט מאנדלען
איז א גוטע סחורה"
און יאנקעלע האָט געהאנדלט
און געלערנט תורה...

איז יאנקעלע געקומען אין א שטאָט אריין, האָט ער באגעגנט א שוסטער:

— מענטש, ווי גייט עס? — פרעגט ער באלד.
— זומער ווארעם, ווינטער קאלט —
שפּאסט דער שוסטער, ווייזט אים גיך,
ווי גוט ער מאכט די נייע שיך.

און פונעם שוסטער צו א שניידער, צו א סטאָליער, צו א בעקער און אזוי ווייטער.

גייט ער, שטייט ער, גייט און גייט
און באגעגנט פריד און פרייד.

האָבן דערווייל זיך נישט צוגעקלעפּט צון אים די אַלע רייד, וואָרן דאָס ציגעלע פון אונטער יאַנקעלעס וויגעלע איז דאָך געפאָרן האנדלען.

אזוי איז יאַנקעלע געפאָרן פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט. און איז געבליבן דער נאר אויסן באָד. פון דעם גאנצן האנדל-וואנדל איז געוואָרן א וואסער, און יאַנקעלע איז געבליבן, ווי אויפן וואסער... אָן ערד אונטער די פיס, אָן א דאך איבערן קאָפּ, ווי געטראָגן פונעם ווינט, נאָר לויף — נאָר יאָג און לויף!

ביז ער האָט אָנגעהויבן פארשטיין און ס׳האָבן זיך גענומען צוקלעפּן צון אים יענע רייד, וועגן פריד און פרייד.

און ער האָט אוועקגעוואָרפן די ראָזשינקעס מיט די מאנדלען, אויפגעהערט צו האנדלען. און ער האָט געגעבן צום ציגעלע א געשריי:

— אז דו ווילסט האנדלען, גיי דיר אליין!

— מע-מע-מע... מע-מע-מע... — האָט זיך צעמעקעט דאָס ציגעלע — פאַל נישט ארויס פונעם וויגעלע...

* * *

— ווי איז דער מאמען! — האָט די מאמע זיינע א געשריי געטון — וואָס האָט עפּעס אזא פראַל געטון! און אזא קוויטש!

און זי איז אין איין אָטעם צו צום וויגעלע צון איר יאַנקעלען.

— וואָס איז געשען, יאַנקעלע, ווי איז דער מאמען!

אין וויגעלע האָט זי אים נישט געטראָפן. ער איז געלעגן אונטערן וויגעלע און — ער האָט געזוכט דאָס ציגעלע.

די מאמע האָט אים אפירגענומען, איינגעמען, פארשפילן און אים צוגעזונגען: „אונטער יאַנקעלעס וויגעלע...״

מיטן ציימל אינדערהאנט

א רייטער איז אמאָל געבליבן מיטן ציימל אינדערהאנט — דאָס פערד זיינס האָט זיך מיט אים א הייב געטון און אים אראָפּגעוואָרפן.

האָט ער זיך אויפגעהויבן, דער רייטער מיטן ציימל אינדערהאנט, געקוקט אויפן ציימל, ווי ס׳איז צעריסן, געקוקט און געטראכט. ער האָט געוואָלט דערגיין וויאזוי דאָס איז געשען:

צי ווייל דאָס ציימל האָט זיך צעריסן, האָט אים דאָס פערד אראָפּגעוואָרפן — צי ווייל דאָס פערד האָט אים אראָפּגעוואָרפן, האָט זיך דאָס ציימל צעריסן?

דערווייל איז דאָס פערד זיינס אנטלאָפן געוואָרן און ער, דער רייטער מיטן ציימל אינדערהאנט, איז געשטאנען און געטראכט, און נישט געקענט דערגיין וויאזוי דאָס איז געשען.

האָט ער געקלערט און געקלערט, ביז ער האָט באשלאָסן, אז דעם ערשטן מענטש, וואָס ער וועט באגעגענען אין וועג, זאָל ער אים אָפּשטעלן און אים דאָס אלץ דערציילן, וועט ער הערן, וואָס יענער וועט אים זאָגן.

איז אים אנטקעגנגעקומען א גוטער, קלוגער מאן. האָט ער זיך צון אים געווענדט און א מאך געטון מיט א פארזויערט פּאָנעם:

— בלייב נאָר שטיין א ווײלע, גוטער, קלוגער מאן! איך בין א רייטער מיטן ציימל אינדערהאנט...

און ער האָט אים דערציילט, וואָס מיט אים האָט געטראָפן, און אז ער קען נישט דערגיין וויאזוי דאָס איז געשען:

צי ווייל דאָס ציימל האָט זיך צעריסן, האָט אים דאָס פערד אראָפּגעוואָרפן — צי ווייל דאָס פערד האָט אים אראָפּגעוואָרפן, האָט זיך דאָס ציימל צעריסן?

האָט דער גוטער, קלוגער מאן אים געזאָגט, אז דערווייל זאָל

ער לויפֿן אָפּזוכן דאָס פֿערד, און דערנאָכדעם ערשט זאָל ער קלערן, וויאַזוי דאָס איז געשען. דער גוטער, קלוגער מאַן האָט אים דאָס געזאָגט און זיך געזעגנט און זיך געגאַנגען זיין וועג.

איז געבליבן שטיין דער רייטער מיטן ציימל אינדערהאַנט און געקוקט און געקלערט, וואָס ער זאָל טון:

צי זאָל ער פֿריער זוכן צו דערגיין וויאַזוי דאָס איז געשען,

צי זאָל ער פֿריער לויפֿן אָפּזוכן דאָס פֿערד?

האָט ער געקלערט און געקלערט, ביז ער האָט באַשלאָסן, אַז דעם ערשטן מענטש, וואָס ער וועט באַגעגענען אין וועג, זאָל ער אים אָפּשטעלן און אים דאָס אַלץ דערציילן, וועט ער הערן, וואָס יענער וועט אים זאָגן.

האָט עס אָנגעטראָגן אַ נאַרישן, בייזן מאַן, האָט ער זיך צון אים געווענדט און אַ מאַך געטון מיט אַ פֿאַרזויערט פּאָנעם:

— בלייב נאָר שטיין אַ ווײַלע, איך וויל דיך עפּעס פֿרעגן! איך בין אַ רייטער מיטן ציימל אינדערהאַנט...

און ער האָט אים דערציילט, וואָס מיט אים האָט געטראָפֿן, און וואָס יענער מאַן האָט אים געזאָגט, און אַז ער ווייס נישט, וואָס ער זאָל פֿריער טון: צי זאָל ער קלערן וויאַזוי דאָס איז געשען, צי זאָל ער לויפֿן אָפּזוכן דאָס פֿערד?

האָט דער נאַרישער, בייזער מאַן אים געזאָגט, אַז די וועלט איז רונד און קיילעכדיק, וועט דאָס פֿערד זיינס אַזוי לאַנג לויפֿן און גיין, לויפֿן און גיין, ביז סע וועט אַליין צוריקקומען צון אים. קען ער זיך דערווייל גאַנץ רויק שטיין און קלערן וואָס ער וויל.

איז עס דעם רייטער מיטן ציימל אין דער האַנט זייער געפֿעלן געוואָרן. האָט ער זיך ערשט אויפֿסניי טאַקע גענומען קלערן, צו דערגיין וויאַזוי דאָס איז געשען.

זענען שוין אַוועק יאָרן און יאָרן, און ווער סע גייט דאָרט פֿאַרביי, ווער סע פֿאָרט דאָרט פֿאַרביי, שטעלט זיך אָפּ און קוקט אויף אים פֿאַרוווּנדערט, וואָס ער איז געבליבן מיטן ציימל אינדערהאַנט...

שמערל באַלעבאָס

די קו האָט געוואָלט אביסל היי,
האָט זי געגעבן א געשריי,
אז אויפן בוידעם ליגט דאָס היי.

פאַריסן דעם קאָפּ,
צום בוידעם ארויף:
— מו־ו־ו, שמערעלע,
גיב נאָר א לויף!

דער הונט האָט געוואָלט א פעטן ביין,
האָט ער געוויזן, די שאַרפע ציין,
אז אינעם שאַפּקעלע ליגט א ביין.

„האַו־האַו" און „האַו־האַו!" —
א ביל נאָך א ביל —
„גיכער, שמערעלע,
וואָס איך וויל!"

די קאַץ האָט געוואָלט אביסל מילעך,
האָט זי געטון א מיאו, א הילעך,
פאַרוואָס סי פאַרמאַכט דער קרוג מיט מילעך.

* * *

שמערעלע איז געווען איינער אליין אין שטוב.
די טאַטע־מאַמע זיינע האָבן אים איבערגעלאָזט פאַר באַלעבאָס,
און זיי זענען זיך אוועק. ער — צוקויפן היי, וואָס האָט אים שוין
אָנגעהויבן אויספעלן, און זי — פאַרקויפן די מילעך, וואָס איז איר
איבערגעבליבן.

— שמערעלע, גיב אכטונג אויף אלין! — האָט דער טאטע זים אָנגעזאָגט — שפּעטער אביסל זאָלסטו געבן דער קו אביסל היי, דעם הונט א ביין,
דער קאץ א טעצעלע מילעך.

— שמערעלע, זאָלסט דיר באלד נעמען עפּעס עסן! — האָט די מאמע אים אָנגעזאָגט — אין שאפקעלע ליגט ברויט און פּוטער, זאָלסט דיר אָפּשניידן א גרויס שטיק ברויט און גוט באשמירן.

— געדענק, אז דו זאָלסט נישט פארגעסן אין קיינעם! — האָט דער טאטע נאָכאמאָל אים אָנגעזאָגט.

— געדענק, — האָט די מאמע צוגעגעבן — אז דו זאָלסט דיך נישט ארומדרייען הונגעריק, און זאָלסט אכטונג געבן, קינד לעבן, אז סע זאָל קיין שאָדן נישט זיין!

ווען דו וועסט אויפעפענען דאָס שאפקעלע, זאָל דער הונט נישט ארויסכאפּן דאָס פליישׁ.

ווען דו וועסט אָנגיסן דער קאץ א טעצעלע מילעך, זאָלסטו צוריק צודעקן דעם קרוג, אז זי זאָל נישט אויסטרינקען אינגאנצן.

און — קינד לעבן, ווען דו וועסט ארויפגיין אויפן בוידעם אראָפּנעמען היי אָדער וואָס, זאָלסטו זען, אז דו זאָלסט כאָלילע נישט אראָפּפאלן.

— יאָ, מאמע.

— זאָלסט גאָרנישט פארגעסן!

— יאָ, טאטע.

זענען טאטע־מאמע אוועקגעגאנגען און אים איבערגעלאָזט פאר באלעבאָס, און אז ער זאָל זיך נעמען עסן און אלין.

האָט ער זיך ארומגעדרייט אין שטוב און געהיטן מיט די אויגן אין אלע זייטן, געהיטן און געקוקט אזוי לאנג, ביז סע האָט אים גוט אָנגעהויבן נאָגן דאָס הארץ.

ער האָט אָבער מוירע געהאט צו עפענען דאָס שאפקעלע צו נעמען זיך עסן, אז דער הונט זאָל נישט ארויסכאפּן דאָס פליישׁ — האָט ער שוין נישט געגעבן דעם הונט קיין ביין.

א ו ו י ג ד ע ר ש פ ר י צ ע ר

ער האָט מוירע געהאט צו עפענען דעם קרוג אָנצוגיסן דער קאַץ א טעצעלע מילעך, אז זי זאָל נישט אויסטרינקען אינגאנצן —
האָט ער שוין נישט געגעבן דער קאַץ קיין מילעך.

ער האָט מוירע געהאט צו גיין אויפן בוידעם אראָפּנעמען דער קו אביסל היי, אז ער זאָל נישט אראָפּפאלן —
האָט ער שוין נישט געגעבן דער קו קיין היי.

האָבן אלע געהונגערט און געשריגן, און שמערעלע האָט געהונגערט און געשוויגן.

די קו האָט געוואָלט אביסל היי,
האָט זי געגעבן א געשריי.

דער הונט האָט געוואָלט א פעטן ביין,
האָט ער געוויזן, די שארפע ציין...

די קאַץ האָט געוואָלט אביסל מילעך,
האָט זי געטון א מיאו — א הילעך!

און שמערל האָט געקענט קריגן עסן פאר זיי און פאר זיך, נאָר — ער האָט מוירע געהאט און געשוויגן.

יידל מיטן פידל

— 1 —

יידל מיטן פידל,
בערל מיטן באַס, —
שפּילן מיר אַ לידל
אויפן מיטן גאַס.

אוי אוי, אוי אוי, אוי אוי,
אוי אוי, אוי אוי, אוי אוי... —

ווענן אַטאָ דעם,
דערציילט מען זיך אַזוי:

די מייסע ציט זיך פון זייער לאַנג, פון העט־העט, פון — ווער ווייסט פון ווען!

יידל איז אויך דעמאָלט געווען אַ —
יידל מיט אַ פידל,
און בערל איז אויך דעמאָלט געווען אַ —
בערל מיט אַ באַס,
נאָר סע האָט נישט געהאַלטן דערבײַ, אַז זיי זאָלן שפּילן —
אויף אַ מיטן גאַס...

יידל און בערל זענען נישט געווען קיין אַרויסגעוואָרפענע. זיי האָבן זיך געהאַט געצעלטן און עסן און אַלץ וואָס זיי האָבן באַדאַרפט, און זיי האָבן נישט געוווּסט פון קיין צאָרע, פון קיין שטראָף — די פעלדער זענען פרײַ געווען און זיי האָבן געפּאַשעט זייערע שאָף. פרייע פּאַסטעכער זענען זיי געווען.

און יידל און בערל, איעדער האָט פון דער זעלבער שיסל געגעסן, און אָן דעם צווייטן נישט פאַרגעסן...

איז דאָס געווען פאַר זיי
די צייט די פרייע,
ביז אָנגעקומען איז
א צייט א נייע,
שוין גאָרנישט קיין פרייע!

— 2 —

יידל האָט אזוי געקוקט צו בערלען, ווי איינער רעדט: וואָס טוט מען? און בערל האָט געקוקט צו יידלען, גלייך ווי ער וואָלט אויך אזוי געפרעגט: וואָס טוט מען?

וואָרן פאַר דער אַרבעט דאַרף מען עסן, און נאָך דער אַרבעט דאַרף מען עסן, און נאָכן עסן, רוט מען.

אָבער אז ס׳איז נישטאָ קיין עסן, וואָס טוט מען?

און זיי האָבן געפילט, ווי סע טרוקנט איין אויף זיי די הויט.

ס׳איז געוואָרן דאָרט א הונגער
און — הונגער איז די גרעסטע נויט —
זענען זיי געגאַנגען זוכן,
טרעפן ווו א שטיקל ברויט.

און זיי זענען געגאַנגען זוכן און געטראָפן, און זיי זענען צוריקגעקומען. און ס׳האָט זיי ווידער אויסגעפעלט עסן, און ווידער דאָסזעלבע: זיי זענען געגאַנגען זוכן און געטראָפן.

אָבער ביסלעכווייז זענען זיי פון זייער אייגענעם לעבן אַנטלאָפן: זיי זענען געוואָרן אוים פאַסטעכער.

ס׳איז זיי געוואָרן זייער שלעכט,
מע האָט זיי געמאַכט פאַר קנעכט.
מע האָט מיט זיי שווער געאַרבעט און פאַרביטערט זייער לעבן,
ביז ס׳איז געקומען אַן אַנדערע צייט,
און זיי פון קנעכטשאַפט באַפרייט...

— 3 —

— אצינד מוז מען אָנהייבן וואנדערן! —
האָט איינער געזאָגט צום אנדערן.
וואָרן ווען זיי זענען געוואָרן אויס קנעכט,
איז נאָך נישט געווען אינגאנצן אזוי וויל און רעכט.
עמעס, זיי האָבן שוין נישט באדארפט אזוי שווער ארבעטן בא...
ציגל און ליים. אָבער אינגאנצן גוט איז זיי נאָך אויך נישט געווען,
וואָרן זיי האָבן זיך ערשט באדארפט גיין זוכן א היים.
און זיי האָבן זיך געלאָזט איבער שטעגן און וועגן, יעשוווים
און סטעפּעס, צו געפינען עפּעס, עפּעס...
אהיים, אן אָרט, ווו זיי זאָלן קענען ארבעטן און רוען, לעבן פריי.
און זייער וועלט האָט זיך אָנגעהויבן אויפדאָסניי.

בערל מיטן באס,
יידל מיטן פידל,
האָבן אָנגעהויבן
זינגען זיך א לידל...

— 4 —

און דאָרט, ווו זיי האָבן זיך דעמאָלט באזעצט, זענען זיי שוין קיין פּאסטעכער נישט געוואָרן. נאָר צו ערד־ארבעט האָבן זיי זיך גענומען און אויסלערנען זיך פארשידענע מעלאָכעס.
און אין יעדער ארבעט, אין יעדער מעלאָכע,
האָבן זיי געהאט די בראָכע.
אָבער שפּעטער, שפּעטער, העט־העט, שפּעטער, איז צווישן יידלען און בערלען געוואָרן א פארקאָך, א פארמיש,
אז זיי האָבן אויפגעהערט צו קענען זיצן בא איין טיש.
אמאָל, אמאָל, ווען זיי זענען פּאסטעכער געווען, האָבן זיי פון קיין שלעכטקייטן, פון קיין נארישקייטן נישט געוווסט, נישט געזען און נישט געהערט. איז איינער דעם צווייטן נישט איבעריק געווען. איינער האָט דעם צווייטן נישט געשטערט.

דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען זיי זענען געווען פרייע פאסטעכער. אָבער דערנאָך, ווען זיי זענען געוואָרן קנעכט, און האָבן געזען, ווי אנדערע זענען נאריש און שלעכט. און דערנאָך, און שפּעטער, וויפל קלעפּ זיי האָבן ארייננעכאפּט, האָבן זיי זיך מיטן שלעכטן א ביסל אָנגעזאפּט...

ביז ס'איז צווישן זיי געוואָרן א בייזער פארקאָך, א בייזער פארמיש, אז זיי האָבן שוין נישט געקענט זיצן בא איין טיש. און יידל מיט בערלען האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי באזונדערע טיילן — אך! אסאך צו דערציילן!

— 5 —

און ס'איז געווען, נאָך דעם וואָס יידל און בערל זענען אויף צוויי טיילן צעטיילט געוואָרן, זענען זיי ווידער איינס געוואָרן, און ווידער צעטיילט געוואָרן, אזוי ווידער און ווידער —

בארגאראָפּ, אינדערנידער...

כאָטש אויך גוטע צייטן האָבן זיי געהאט, יענע גוטע צייטן, ווי ביי לייטן... געזעסן זיך אונטערן וויינשטאָק און אונטערן פייגנבוים און געשפּילט.

יידל אויפן פידל,
בערל אויפן באס,
האָבן דעמאָלט געשפּילט,
שוין גאָרנישט אויף דער גאס!

נאָר ס'האָט זיך אין זיי אָנגעכאפּט אזא פייער און גענומען ברענען פון אינעווייניק, פון אויסנווייניק, פון פארשידענע זייטן. און דאָס גאנצע גוטע האָט זיך אָנגעכאפּט, געברענט, געברענט און פארברענט געוואָרן, ווי א טרוקן שייטל האָלץ. אזוי איז איין מאָל, און א צווייט מאָל, א קלאָג געוואָרן —

סע זאָל אזוינס נישט ווערן! —

טייכן פון טרערן.

— 6 —

זענען זיי געזעסן בא די טייכן און געקלאָגט און געוויינט, וואָס פון דעם אלעם גוטן איז געבליבן —
זיי זענען געוואָרן פאריאָגט און פארטריבן.

האָבן זיי געקוקט,
אזוי בלייך און בלאס,
יידל אויפן פידל,
און בערל אויפן באס.

און זיי האָבן זיך געטראכט:
פידל, באס, נאָר אויפצוהענגען, ווען קיין היים איז מער נישטאָ,
ווען ווו צו שפילן איז נישטאָ, נישטאָ!
פון יענער שאָ, פון יענעם טאָג, האָבן זיי שוין מער נישט געהאט ווו צו שפילן. זיי זענען געוואָרן צעזייעט און צעשפּרייט —
אך! צו א לאנגע קייט!

— 7 —

אָבער אוים שפּילער זענען זיי נישט געוואָרן.
זיי האָבן געוואָגלט און געוואָגלט איבער שטעט און איבער לענדער, און זיי האָבן נישט געפונען קיין דאך איבערן קאָפּ. אָן א היים, אָן אן אייגן ווינקעלע ווו צו שפילן, אָבער אוים שפּילער זענען זיי נישט געוואָרן.
אומעטום ווו זיי זענען געקומען, האָבן זיי נישט געהאט ווו, האָבן זיי זיך אנידערגעשטעלט אינמיטן דער גאס און געשפּילט, געשפּילט, אז טויבע האָבן אזש געהערט און געפילט...

יידל מיטן פידל,
בערל מיטן באס —
שפּילן מיר א לידל
אויפן מיטן גאס.

א וועלט אַז געלט

ס׳איז געווען א מענטש, וואָס האָט זייער ליב געהאַט קינדער. האָט ער געוואָלט טון עפּעס גוטס פאר די קינדערס וועגן.

איז ער געגאַנגען צו א שוסטער, ער זאָל פאר די קינדערס וועגן מאַכן גוטע שיכעלעך. איז ער געגאַנגען צו א שניידער, ער זאָל אויפנייען שיינע קליידעלעך.

האָט דער שוסטער אים זייער שיין אויפגענומען, ער האָט אים געהייסן אנידערזעצן אויפן שוסטער־בענקעלע און האָט צו אים זייער פריינטלעך גערעדט:

— שיכעלעך פאר די קינדערס וועגן, מיטן גרעסטן פארגעניגן! אָט גיי איך שוין א קוק טון, ווו ס׳איז פאראַן ווייכע, גוטע לעדער און זען מיך גלייך מאַכן גוטע, שיינע שיכעלעך. איך מאַך גוט און גיך. און דו, ווען דו וועסט באַנאַכט קומען אַהער, וועסטו אַזוי גוט זיין מיטברענגען א שטיקל ברויט מיט זיך...

אַזוי גוט האָט אים אויפגענומען דער שוסטער. אַזוי גוט האָט אים אויפגענומען דער שניידער. איז ער פון זיי אַוועק מיט א האַרץ פול מיט פרייד.

סע גייט גוט, סע גייט.

איז ער געלאָפן גלייך צום בעקער, ער זאָל אָפּבאַקן ברויט. די קינדערלעך זאָלן האָבן צו עסן.

און אינעם שוסטער און אינעם שניידער וועט ער אויך נישט פארגעסן.

לויפט דער בעקער אים אנטקעגן מיט א געדולע:

— אָט לויף איך שוין זען, ווו ס׳איז פאראַן פריש מעל, נעם איך באַקן, אַז סע וועט אַזש גיין א רויך! און דו, שפּאָר מיר איין א ביסל צייט און נעם די קוילים, זיי זענען צעבראָכן און טראָג זיי דערווייל אריין צום באָדנער צו פאַריכטן.

לויפט דער מענטש אויפזוכן דעם באָדנער, ער זאָל וואָס שנעלער פאַריכטן די קיילים.

דער בעקער זאָל זיך קענען גלייך שטעלן פאַרמישן און פאַרקנעטן און נעמען באַקן.

ער זאָל קענען געבן ברויט דעם שוסטער און דעם שניידער.

ער זאָל קענען די קינדער ברענגען עסן און אָנצוטון.

האָט ער זיך געיילט, דער מענטש, און ער איז געלאָפן. ער איז אין יענעם טאָג אויסגעווען א וועלט.

נאָר דערנאָכדעם, ווען ער האָט זיך ווידער מיט זיי געטראָפן, האָט יעדער פון זיי געזאָגט, אז מע האָט נישט געוואָלט געבן אָן קיין געלט.

דעם בעקער האָט מען נישט געוואָלט געבן קיין מעל.

דעם שוסטער — קיין לעדער.

דעם שניידער — קיין שטאָפן.

— איך דאַרף דאָך ברענגען די קינדער עסן און אָנטון! — האָט אויסגעשריגן דער מענטש — וואָס האָט געטראָפן?

וואָספאַרע נוצן ברענגט דאָס שטיקל פּאַפּיר, ניקל, זילבער צי גאָלד, ווען סע ווערט דערפון געלט!...

וואָס איז דאָס פאַר א וועלט?

די ערד גיט ארוים די זאַנגען, און אלץ, וואָס ס׳איז פאַראַן אויף דער וועלט, קער נישט צון איינעם.

נאָר צו יעדן איינעם!

האָט דעם מענטשן פאַרקלעמט באַם הארצן פאַר דעם אומרעכט.

האָט דער מענטש זיך אָנגענומען מיט מוט און מיט קראַפט. איז שטאָל און אייזן זיין הארץ געוואָרן. איז ברויזנדיק זיין שטים געוואָרן.

האָט זיין שטים געדונערט, געדונערט, געדונערט...

זענען מענטשן פון זייערע געלעגערס אראָפּגעפאַלן. מענטשנס הערצער האָבן זיך פון די ערטער אוועקגערוקט.

האָבן זיי גאָלד און זילבער געלאָזט שטיין.

און זענען צו יענעם מענטשן געקומען צו גיין.
און זיי האָבן זיך צון אים געווענדט מיט אויסגעשטרעקטע הענט:
— מענטש, ראַטעווע, סע גייט אונטער די וועלט!
— ווענדט זיך צון אייער געלט! — האָט ער זיי געענטפערט האַרט.
האָבן זיי זיך באַ אים געבעטן:
— נאַ דיר אוועק דאָס גאַנצע געלט,
אַבי ראַטעווע אונדזער וועלט!
האָט ער אויסגערופן, אַז ווען דאָס געלט וועט אונטערגיין, איז די וועלט שוין געראַטעוועט פון זיך אַליין.
האָבן די מענטשן געמאַכט, אַז דאָס געלט זאָל אונטערגיין, איז געוואָרן אַ ווױלע וועלט:
דער בעקער האָט גענומען מעל און פאַרמישט און פאַרקנעטן און אָפּגעבאַקן ברויט.
דער שוסטער האָט געמאַכט גוטע שיכעלעך.
דער שניידער האָט אויפגענייט שיינע קליידעלעך.
דער מענטש האָט געבראַכט עסן און אָנטון פאַר די יינגעלעך, פאַר די מיידעלעך.
איז געווען גוט און ווױל, אַ געדולע, אַ פרייד, צו אַלע גרויסע, צו אַלע קינדער.
(און אויב ס'האָט אַזוי נישט געטראָפן דעמאָלט, מעג עס טרעפן אַצינדער).

קייער און שלינגער

אמאָל, אמאָל, שוין זייער לאַנג אין דעם, אַז די־אָ מייסע האָט זיך געטראָפן. פון דעמאָלט אָן זענען שוין טויזנטער יאָרן פאַרפלויגן, פאַרפאָרן, נאָר מע געדענקט נאָך ביז אַצינדער,

די מייסע פון די צוויי נאַרישע קינדער.

זיי זענען געווען ברידער, און זיי האָבן געהאַט פון אַלעם גוטן. וואָס זייער אויג האָט נאָר געזען, וואָס זייער האַרץ האָט נאָר געגלוסט, איז אויפן אָרט געשען.

איינער איז געווען זייער אַ גרויסער פרעסער, האָט אים זיין ברודער גערופן — קייער.

און דער צווייטער איז געווען זייער אַ גרויסער טרינקער, האָט אים קייער גערופן — שלינגער.

אַ שטיק צייט האָבן קייער און שלינגער זיך געלעבט צופרידן. איינער האָט באַם צווייטן נישט אויסגעכאַפּט, איינער האָט דעם צווייטן נישט אָנגעטרעטן.

ביידע האָבן געהאַט מער וויפל זיי האָבן געוואָלט און גלייך אויפן אָרט, ווי זייער מויל האָט עס נאָר ארויסגערעדט.

אַז קייער איז געוואָרן הונגעריק, האָט ער אַ געשריי געטון: „עס־ס־ס־סן!"

און שוין איז פאַר זיינע אויגן געשטאַנען אַ טשערעדע אָקסן.

און אַזויווי ער האָט אויפגעעפנט דאָס מויל, זענען — פון זיין פאַרע — די אָקסן אָפּגעבראָטן געוואָרן.

און ער פלעגט עסן און עסן, ביז ער איז זאַט געוואָרן.

און אַז שלינגער ווידער איז געוואָרן דאָרשטיק, האָט ער אַ געשריי געטון: „טר־ר־ר־רינקען!"

און שוין איז פאַר זיינע אויגן אויסגעוואַקסן אַ טייך.

און אין דערזעלבער רעגע האָט זיך דער טייך אויפגעהויבן

ביז צו זיין מויל. און געשטאנען אינדערהייך אזוי לאנג, וויפל ס׳האָט זיך אים געגלוסט צו טרינקען.

און אזוי האָבן קייער און שלינגער א שטיק צייט זיך געלעבט צופרידן. איינער האָט באם צווייטן נישט אויסגעכאפּט, איינער האָט דעם צווייטן נישט אָנגעטרעטן.

קייער און שלינגער זענען קינדער געווען — אלץ איז דעמאָלט קינדיש געווען. קייער און שלינגער זענען נארישע געווען — אלץ איז דעמאָלט נאריש געווען.

האָבן די צוויי נארישע קינדער, קייער און שלינגער, אזוי לאנג זיך געלעבט בעשאָלעם, ביז איינמאָל — אן אומגליק!

אין דערזעלבער מינוט זענען געוואָרן
קייער — הונגעריק, און שלינגער — דאָרשטיק.
און זיי האָבן אויסגעשריגן צוזאמען:
— קייער — „עס־ס־ס־סן!" און שלינגער — „טר־ר־ר־רינקען!"
האָט פאר קייערס אויגן זיך אויסגעשטעלט א טשערעדע אָקסן,
און פאר שלינגערס אויגן איז אויסגעוואקסן א טייך.

קייער האָט ארויסגעלאָזט די פארע פון זיין מויל און די אָקסן זענען אָפּגעבראָטן געוואָרן. נאָר דער טייך, וואָס איז אויסגעוואקסן פאר שלינגערס אויגן, און זיך א הייב געטון אינדערהייך, ביז צום מויל, האָט די אָקסן דערטרונקען!

קייער איז געבליבן שטיין מיט אן אָפן מויל, און ס׳האָט זיך אין אים אָנגעצונדן א קינע צו זיין ברודער. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז זיין ברודער האָט מער מאזל פון אים... דידאָזיקע אָנגעצונדענע קינע האָט זיך צעפלאקערט און ער האָט זיין ברודער דערהארגעט.

פון דעמאָלט אָן זענען שוין טויזנטער יאָרן פארפלויגן, פארפאָרן,
און מע געדענקט נאָך ביז אצינדער
די מייסע פון יענע צוויי קינדער.

צווײ קעץ אין אײן זאק

— מיאו... מיאו... ווער ביסטו? — האָט אַ קאַץ שטיל און פאַרטרוילעך געפרעגט איר שאָכנטע.

— מיאו... מיאו... דו זעסט דאָך, אַז איך בין אַ קאַץ, טאָ וואָס פרעגסטו? — האָט די שאָכנטע געענטפערט און זיך געוווּנדערט.

— גערעכט, גערעכט, אָבער נישט דאָס פרעג איך! — האָט די ערשטע געטון אַ פאָרסקע, אַ שפּײ, און אויפגעשטעלט די וואָנצעס. זי האָט איר שאָכנטע געפרעגט ווער זי איז אַזוינס פונוואַנען זי קומט אהער און וויאַזוי זי קומט אהער.

די פרעגערן איז אַ גלאַטיק שוואַרצע געווען.

די אַנדערע ווידער איז אַ ווײסע געווען, בלויז ערטערווײז מיט קלײנע, שוואַרצע שפּרענקעלעך. זי האָט צו זיך גאָר קײן גלײכן נישט געזען. זי האָט געקוקט אויף דער שוואַרצער פון אויבן אַראָפּ: סטײטש, זי איז אַ ווײסע און יענע איז אַ שוואַרצע.

דעמאָלט איז נאַכט געווען, פינצטער געווען, און דאָרט וווּ זײ האָבן זיך געפונען איז נאָך פינצטערער געווען, נאָר קעציש̈ע אויגן האָבן אונטערגעשײדט צווישן שוואַרץ און ווײס...

* * *

ערגעץ אין אַ גריבל אונטער אַ בריקל איז דאָס דאָזיקע פאָרגעקומען, און אין אַ פאַרבונדענעם זאַק האָבן זײ זיך בײדע געפונען.

אַ לאַנגע ווײלע זענען זײ אָפּגעלעגן און קײן אײן וואָרט נישט אַרויסגערעדט, קײן ריר זיך נישט געטון. ערשט ווען ס׳איז אַוועק שטיל און שאַ, זײ האָבן נישט געהערט קײנעם דרײען זיך אַרום זײ, האָבן זײ אינדערשטיל גענומען אַ וואָרט פאַרבײטן.

די שוואַרצע האָט זיך באַרימט אין וואָספאַראַ הויז זי איז

געווען, וואָספאַרע מאַכאָלים מע האָט איר געגעבן און ווי מע האָט זי אַלץ נישט אַרומגעפירט און מיטגענומען. זי האָט זיך געפילט ווי אַ באַלעבאָסטע. און אַז זי איז שוין געקומען אויף דער עלטער, איז זי געווען זיכער, ווען מען זי האַלטן בעקאָוועד ווי זי האָט זיך פאַרדינט. פאַרשטייט זי נישט, ווי מע פאַלט עפּעס אויס, נעמען זי און אַריינוואַרפן אין אַ זאַק אַריין און פאַרבינדן און פאַרפירן.

צומערשטן האָט די ווייסע שטאָלצירט מיט איר ווייסקייט. נאָר דערנאָכדעם, אַז זי האָט זיך אַרומגעזען, אַז זי ליגט אין אַ זאַק פאַרבונדן גלייך מיט דער שוואַרצער, האָט זי געביטן איר טאָן.

זי האָט איינגעזען, אַז אַרויס פונעם זאַק, קען נאָר מעגלעך זיין ביידע צוזאַמען, אַנדערש נישט. האָט זי גענומען שליסן פריינטשאַפט מיט איר און זי איז אינגאַנצן אָפּגעהאַרציק געוואָרן און אַפילע זיך מוידע געווען, אַז סע קען זיין, אַז זי טאַקע איז שולדיק אין דעם וואָס ביידע זענען אין זאַק.

זי האָט שוין געקוקט אויף דער שוואַרצער, ווי אויף אַ שוועסטער, ווי אויף אַ באַוואָלטער דערצו און זי האָט זיך גענומען פאַר איר מוידע זיין אין דער גאַנצער מייסע.

ס'איז אַזוי געווען:

די שוואַרצע קאַץ איז געלעגן לעבן אַן אָפענעם שפּייזאַלמער און געשלאָפן, און די ווייסע איז פאַרבייגעגאַנגען און דערזען פוטער, האָט זי זי אויפגענאַשט. דערווייל האָט זי דערזען ווי די באַלעבאָסטע גייט, האָט זי זיך באַהאַלטן. די באַלעבאָסטע ווידער האָט דערזען, אַז די פוטער איז נישטאָ, האָט זי געמאַכט אַ געוואַלד, אַז די אַלטע, שוואַרצע קאַץ נוצט שוין נישט, נאָר צום נאַשן. איז דער באַלעבאָס אַריין אין קאַם און געכאַפּט אַ זאַק און זי אַריינגעוואָרפן. האָט די ווייסע מוירע באַקומען, אַז מיט איר זאָל אויך נישט דאָסזעלבע געשען. האָט זי גענומען אַנטלויפן, האָט זיך איבערגעקערט אַ טאָפּ סמעטענע און דער טאָפּ איז אויף איר אַרויף. האָט דער באַלעבאָס זי געכאַפּט און אויך זי אַריינגעוואָרפן אין זאַק און פאַרבונדן און פאַרפירט.

* * *

— מיאו... מיאו... זעסטו, שוועסטער לעבן, — האָט די שווארצע מיינעם געהאט צו דער ווייסער — זאָלסט געווען מיך אויפוועקן פונעם שלאָף, וואָלטן מיר ביידע געווען געגעסן און סע וואָלט אונדז קיין בייז נישט געווען געטראָפן.

האָט די ווייסע שוין כאראָטע געהאט, און די שווארצע איז גרייט געווען צו פארגעסן, וואָס אמאָל האָט זיך געטון, און זיי האָבן צוזאמען גענומען קלערן וויאזוי זיך ארויסצוכאפן פון זאק.

האָבן זיי געקלערט און געטראכט און איבערגערעדט פארשידנס, און פלוצלונג האָבן זיי דערהערט עפּעס א שאָרך, זענען זיי שטיל געבליבן. ארום דעם זאק האָט עפּעס א לויף געטון!

ס'איז שטיל געוואָרן און ווידער האָבן זיי א שאָרך דערהערט.

זיי האָבן פארשטאנען, לויטן שאָרך, אז דאָס מוז עפּעס א קליין כייעלע זיין. האָבן זיי, נאָך א לאנג באראטן זיך, באשלאָסן צו ווענדן זיך צו דעם קליינעם כייעלע און צוצושווערן אייביקע פריינטשאפט, אויב סע וועט אויפבינדן דעם שטריק, באפרייען זיי פון זאק.

באשלאָסן און געטון. זיי האָבן זיך צו דעם כייעלע געווענדט:

— ברודער, צי שוועסטער, ווער דו ביסט, באפריי אונדז פונעם זאק דאָ, מיר שווערן דיר אייביקע פריינטשאפט!

דאָס קליינע כייעלע איז א מייזעלע געווען, און ס'האָט דערקענט אין קאָל, אז קעץ זענען אינעווייניק, האָט עס זיך זייער דערפרייט, וואָס סע וועט סאָפקאָלסאָף געשלאָסן ווערן פריינטשאפט צווישן קאץ און מויז. האָט עס געענטפערט, אז ס'גייט איין אויף אזא אָפמאך, און ס'האָט זיך א לאָז געטון איבערצובייסן מיט די ציינדלעך די שטריק, זיי צו באפרייען.

אָבער ווי די קעץ האָבן דערזען, אז דאָס איז א מייזל, האָבן זיי פארגעסן ווו זיי זענען אין דער וועלט און זיי האָבן אין זאק אזא שפּרונג געטון, אז דאָס מייזל איז קוים מיטן לעבן אנטלאָפן.

און וועמען זי האָט באגעגנט, האָט זי געוואָרנט, אהין זיך נישט צו ווייזן, ווייל דאָרט זענען פאראן צוויי קעץ אין איין זאק...

פּאַמפּאַ און זײַנע כאַווײרים

פּאַמפּאַ איז געווען דער עלטסטער הונט אין הויז. פאַר אים, פריער, זענען אויך דאָרט הינט געווען. נאָר פון יענע הינט רעדט מען נישט, מע רעדט פון די נײַע דרײַ הינט. פון זײ איז דאָרט געווען דער עלטסטער — אים האָט מען געבראַכט צומערשטן.

פאַר מיטיק איז עס געווען, ווען מע האָט אים געבראַכט. דער באַלעבאָס האָט אים געפירט אויף א קייט און האָט שטאָלצירט מיט אים פאַר די שכיינים זײַנע, וואָס האָבן אים באַגלייט.

— ער זעט אוים ווי א לייב — האָט דער באַלעבאָס א זאָג געטון — מע דאַרף אים א נאָמען געבן „לעאָן"!

— ער זעט שוין אוים ווי א בער, נישט ווי א לייב — האָט איין שאָכן מעווינעם געזאָגט.

— מע דאַרף אים נישט זוכן קיין נאָמען — האָט אן אנדערער זיך אָנגערופן — ער האָט שוין א נאָמען.

— ווי הייסט ער?

— פּאַמפּאַ.

— פּאַמפּאַ! — האָבן זײ אויסגערופן.

— פּאַמפּאַ, פּאַמפּאַ! — האָט דער באַלעבאָס אים געגלעט, געצערטלט, פרײַנטלעך אים אויפגענומען און ער האָט אים ארונטערגעפירט אונטער א דעכל אויפן הויף און אים צוגעבונדן צון א סלופּ.

באַלד איז געקומען מיטיק־צײַט, האָט מען אים דערלאנגט פונעם טיש א שיסל מיט א היפשער פּאָרציע פלייש און ביינער. האָט ער געגעסן וויפל ס'האָט נאָר געקאָנט אין אים אריין, און וואָס ס'איז אים איבערגעבליבן האָט ער באהאלטן אין א גריבל, וואָס ער האָט באַלד אויסגעגראָבן און עס פאַרדעקט און פאַרשיט, אז נאָר ער זאָל עס דערקענען.

דערנאָכדעם האָט ער זיך אויסגעצויגן כאַפּן א דרימל אין זיין
גייער היים און כאָלעמען פון א וועלט א שיינער —
פון סאמע פלייש אוןביינער...

שפּעטער, נאָכן שלאָף, האָט ער זיך אויסגעגלייכט, אויסגעצויגן און אויסגעגענעצט און מיט א געביל אויסגעשריגן וואָס ער וויל:

מע זאָל אים אָפּלאָזן פון דער קייט.

אויפן הויף דאָרט האָט א מאמע געהאָדעוועט איר קינד. פון דעם געביל האָט דאָס קינד זיך דערשראָקן און זיך צעוויינט.

אין א צימער איז געלעגן דער באלעבאָס און געכאַפּט א נאָכמיטיק-שלאָף, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און ארוים מיט פארשלאָפענע אויגן.

דעם קינד האָט מען דערלאנגט עפּעס א שפּילעכל און דעם הונט האָט מען צוגעוואָרפן א ביין. דאָס קינד האָט מען איינגעשטילט און דער הונט האָט נישט אויפגעהערט צו בילן.

יעדער איז זיך אוועק צו זיין ארבעט און דעם הונט האָט מען געלאָזט בילן אויף דער לעוואָנע...

באנאכט ערשט האָט מען אים אָפּגעלאָזט פון דער קייט.

ער האָט זיך געגעבן א טרעסע-אָפּ און זיך גענומען צעפירן די הענט: א לויף אהין, א לויף אהער, א בויג-אוים דעם קאָפּ און א שטעל-אָן די אויערן — א שמעק, א לעק,

און א דריי מיטן עק,

און אויסגעשפּירט ווו דער הויף האָט אן עק.

אלע מענטשן דאָרט זענען געזעסן אין א צימער, ארום א טיש און געגעסן. האָט ער נישט געוואַרט, ביז מע זאָל אים דערלאנגען. ער איז אריין אין קיך און זיך אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע צוויי פיס און מיט די לאַפּעס זיך צוגעשאַרט א גרויסע פולקע און זי אריינגעכאַפּט צווישן די ציין.

אויף דעם איז אָנגעקומען די באלעבאָסטע און געמאכט א געוואלד. איז ארוים דער באלעבאָס און געכאַפּט צון אים א שטעקן

און אים געגעבן צו געדענקען... און אים צוריק אָנגעבונדן אויף דער קייט.

האָט ער אָנגעהויבן בילן און בילן, אַז וויפל עסן מ׳האָט אים דערנאָך שוין נישט געגעבן, האָט מען אים נישט געקענט איינשטילן. אזוי א גאנצע נאכט.

ווען ס׳האָט אויסגעבראָכן דער טאָג איז ער שטיל געוואָרן, נאָר געקוקט האָט ער מיט פאריבל א גאנצן טאָג. און ווען ס׳איז געקומען די נאכט און ער האָט געזען, אַז מע בינדט אים נישט אָפּ, איז ער אריין אין צאָרן און זיך גענומען רייסן פון דער קייט, אַז ער האָט שיר-נישט דעם סלופּ ארויסגעריסן.

אזוי א גאנצע נאכט און ווען ס׳איז טאָג געוואָרן איז ער ווידער שטיל געוואָרן.

אין יענעם טאָג האָט מען אהין געבראכט נאָך צוויי הינט, א פּאָרל.

א קליינע, א ווייסע, מיט א גרויסן בויך, — „פּיטוקא" האָט מען זי גערופן. זי האָט מען ארייגעפירט און אָפּגעלאָזט פריי, ווי א היימישע, ווי א הויזיקע.

און א מיטלוווקסיקער, א שווארצער, מיט אן אויפגעהויבענעם קאָפּ, — „טשיטשאָ" האָט ער געהייסן. אויף אים האָט מען געקוקט מיט אומצוטרוי, אים האָט מען אָנגעבונדן אויף א שטריק.

פּאמפּא האָט זיי אויפגענומען מיט א מאָדנע געבילעריי, וואָס ס׳איז שווער געווען צו דערקענען צי צעשרייט ער זיך אויף זיי, צי דערפרייט ער זיך מיט זיי.

טשיטשאָ האָט עפּעס ענלעכס אָפּגעענטפערט און פּיטוקא האָט זיך געדרייט צווישן זיי ביידע — פון פּאמפּאן צו טשיטשאָן און צוריק. עפּעס האָט ער, פּאמפּא, זייער אסאך געהאט מיט איר צו רעדן! ווער קען וויסן, עפּשער האָט ער זיך באקלאָגט, וואָס שוין צוויי נעכט האלט מען אים אויף דער קייט? און עפּשער האָט ער

איינגעטיינעט מיט איר, וויאַזוי זי זאָל אים העלפֿן זיך באַפֿרייען?

באַלד האָבן זיך אַלע דריי אויסגעצויגן און אָפּגעלעגן אַ צייט שטיל. דערנאָך האָבן זיי זיך גענומען איבערוואַרפֿן מיט אַ „וואָרט״ אָבער אויך נאָר אינדערשטיל.

און גלייך אָבער ווי ס׳האָט אָנגעהויבן צופֿאַלן די נאַכט, איז צו באַמערקן געווען, ווי פּאַמפּאַ אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט אַזאַ אומרויִקייט, ווי עמעצן אומצוברענגען. נאָר שטיל איז ער דערווייל געווען, שטיל ווי פֿאַרשטומט. נישט מער, וואָס די אויערן זענען באַ אים אָנגעשפּיצט געוואָרן און דער עק האָט געציטערט...

שפּעטער, ווען ס׳איז שוין טאַקע נאַכט געווען, איז עמעצער אַרויסגעקומען אויפֿן הויף און אָפּגעבונדן טשיטשאַן און זיך צוריק אַוועקגעגאַנגען.

און ווי פּאַמפּאַ האָט דערזען, אַז אים האָט מען טאַקע געלאָזט אויף דער קייט, האָט ער זיך אַזוי צעבילט, אַז שכנים זענען אַזש געקומען פֿרעגן וואָס סע טוט זיך אַזוינס.

פּאַמפּאַ האָט אָנגעהויבן, טשיטשאַ האָט צוגעהאָלפֿן, אַפֿילע די שטילע פּיטוקאַ האָט נישט געשוויגן.

דער באַלעבאָס מיט אַ כאַווער זיינעם זענען אַרויס צו פּאַמפּאַן, איינער מיט אַ קענדל וואַסער, דער אַנדערער מיט שטיינער — געגאָסן אויף אים, געוואָרפֿן אויף אים — און ס׳האָט נישט געהאָלפֿן. אַ געבילעריי, אַז אַזוינס האָט מען נאָך נישט געהערט.

האָט זיך דער באַלעבאָס פֿון דעם קיין צימעס נישט געמאַכט... זאָלן זיי בילן.

האָט זיך פּאַמפּאַ געריסן פֿון דער קייט און טשיטשאַ איז אומגעלאָפֿן און נישט געקענט קיין אייצע געפֿינען און פּיטוקאַ האָט אויך נישט גערוט.

זיי דאָ האָבן איינגעלייגט וועלטן און דאָרט איז מען געזעסן באַ דער וועטשערע און מע האָט פֿונעם טיש צענויפֿגעקליבן און זיי אַרויסגעטראָגן אַ ביין אָפּצולעקן...

ס׳איז אַוועק אַ שאָ — צוויי, דער באַלעבאָס האָט דעמאָלט

לאנג געפּראוועט דאָס מאָלצייט, געסט זענען געווען, און די הינט האָבן די גאנצע צייט פארטויבט די אויערן.

ער האָט א דינער זיינעם געהייסן ארויסטראָגן זיי נאָך א שיסל פלייש מיט ביינער, און די געסט מיטן באלעבאָס, מיט אלע, זענען צוזאמען מיט דעם דינער ארויס אויפן הויף.

און ווי זיי זענען צוגעקומען צו די הינט, זענען זיי שטיין געבליבן פארוואונדערט:

דאָס גאנצע עסן פון פריער איז אפילע נישט אָנגערירט געוואָרן, די הינט האָבן זיך דערצו אפילע נישט צוגערירט.

זיי זענען געשטאנען א ווײלע און געקוקט און די הינט האָבן נישט אויפגעהערט צו בילן. סע האָט נישט געהאָלפן נישט מיט קיין גוטן און נישט מיט קיין בייזן.

דערנאָך האָט זיך אָפּגעשפּילט א רירנדיקע סצענע:

דער דינער האָט פּאמפּאן אָפּגעבונדן, באפרייט. איז טשיטשאָ ארויף אויף פּאמפּאן, פּאמפּא אויף טשיטשאָן און פּיטוקא אינדערמיט — זיי זענען שיר-נישט מעשוגע געוואָרן פאר פרייד!

זיי זענען צוגעפאלן צו די שיסלען און ווידער זיך ארומגענומען.

זיי האָבן שוין נישט געבילט, נאָר ווען-נישט-ווען האָבן זיי זיך געלאָזט הערן, אָבער דאָס איז שוין גאָר קיין בילן נישט געווען. נאָר אן אויסרוף אזא, אויף מענטשלעכער שפּראך וואָלט עס געהייסן: — באפרייט! באפרייט! באפרייט!

און פון דעמאָלט אָן, יעדן פארנאכט, ווען דער דינער פלעגט ארויסקומען אויפן הויף אָפּלאָזן די הינט, פלעגט ער צומערשטן אָפּלאָזן פּאמפּאן, ער זאָל קיין איין רעגע נישט מיינען, אז אים וועט מען לאָזן אויף דער קייט.

און טשישטאָ פלעגט דאָס צוקוקן און שווייגן, ביז מע האָט אויך אים אָפּגעלאָזט. קען זיין, אז ער האָט דאָס פארשטאנען...

די מייסע מיט דער אַלטער שטאָט
און מיט דער נייער שטאָט

הינטער דער בריק איז פון לאַנגע־לאַנגע יאָרן געשטאַנען די אַלטע שטאָט. האָט מען דאָרט געשמועסט, אַז פון דער אַנדערער זייט בריק הייבט זיך אָן אַ נייע שטאָט.

אייניקע האָבן דאָס אָפּגעוואָנדט.

און אייניקע האָבן געשטרעקט אַהין די הענט...

די אַלטע זיידעס האָבן געזאָגט:

— באַ, ווייסעך דאָרטן, וואָס מע פּלאַפּלט, נישטאָ קיין נייע שטאָט!

די אַלטע באָבעס האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ:

— מאַ, אַז זיי זאָגן נישטאָ, איז גוט נישטאָ.

אַסאַך טאַטעס און מאַמעס זענען געווען נישט אַהין און נישט אַהער. האָבן נישט צוגעגעבן און האָבן נישט אָפּגעוואָנדט.

און די יונגע ווידער האָבן גענומען שטרעקן אַהין די הענט, האָבן נישט געקענט איינרוען:

— ווי הייסט? — האָבן זיי געטענהט, — אַז פון דער אַנדערער זייט בריק הייבט זיך אָן אַ נייע שטאָט, זאָל מען נישט גיין אַ קוק טון צי ס'איז עמעס?

— זאָל מען נישט גיין אַ קוק טון, ווי סע זעט אויס?

האָט זיך טאַקע פון צייט צו צייט אַרויסגעריסן פון דאָרט איינער פון די יונגע, נאָך איינער, נאָך איינער, נאָך און נאָך.

נאָר פון טעג זענען וואָכן געוואָרן, פון כאָדאָשים זענען יאָרן געוואָרן און אין דער אַלטער שטאָט האָט זיך געפירט ווי געפירט:

די אַלטע זיידעס האָבן געזאָגט: „באַ...“

די אַלטע באָבעס האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ: „מאַ...“

און אסאך טאטעס און מאמעס זענען נישט געווען נישט אהין
און נישט אהער. זיי האָבן דאָרט גאָרנישט נישט געוווסט פון דער
נייער שטאָט, וואָרן ווער ס'איז אריבער די בריק,
איז שוין מער נישט געקומען צוריק.

און געלעבט האָבן זיך דאָרט די מענטשן, אין דער אלטער
שטאָט, אין הונגער און אין נויט.
כאָטשע די שייערס זענען פול געווען מיט טווּע, כאָטשע דעם
לאנד האָט נישט אויסגעפעלט קיין ברויט.
זענען איינגעדארט געוואָרן די זיידעס.
זענען פרי אלט געוואָרן די טאטעס.
זענען נישט געוואקסן די קינדער.
ווייל הארן זענען געווען, האָבן זיי די שייערס פארשלאָסן, די
פעלדער פארצאמט, און פאר זיך אליין נאָר געהאלטן די שאָף
און רינדער.
האָט זיך דער הונגער געמערט און געשטארקט, האָבן די
מענטשן זיך איינגעזאמלט צו האלטן אן אייצע קעגן הונגער.
האָבן די זיידעס געזאָגט:
— באַ, א ברייִרע האָט מען, מע מוז בא די הארן ראכמים בעטן.
האָבן די באבעס צוגעשאָקלט מיט די קעפּ:
— מאַ, וואָס זאָל מען טון, בעטן איז בעטן.
האָבן אייניקע טאטעס זיך אָנגערופן, אז די הארן האָבן
באפוילן, אז מע זאָל זייער שוועל נישט באטרעטן.
און די יונגע האָבן געזאָגט, אז מע זאָל די הארן
מאכן צום נארן:
אז יעדער פון זיי וועט קריגן געשמיסן,
וועט ער שוין וויסן און וויסן...
און באשלאָסן איז דעמאָלט געוואָרן, אז מע זאָל שיקן א קוק
טון אין דער נייער שטאָט, וויאזוי סע פירט זיך דאָרט.
ווייל זיי האָבן נאָך גאָרנישט נישט געוווסט פון דער נייער

שטאָט, וואָרן ווער ס'איז נאָר אריבער די בריק,
איז שוין מער נישט געקומען צוריק.

זענען שוין איצטער געגאנגען אהין
א זיידע, א טאטע און א זון.
נאָר באלד נאָכן ארויסגיין, איז מיד געוואָרן דער זיידע.
זענען שוין איצטער געגאנגען נאָר דער טאטע און דער זון, זיי ביידע.

און ווי זיי זענען צוגעקומען צום עק פון דער שטאָט, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אריבערצוגיין צו דער נייער שטאָט, דארף מען ערשט לייגן א בריק.

האָט זיך דער טאטע אויסגעדרייט און איז געגאנגען אויף צוריק.
נאָר דער זון, דער ווילער זון,
האָט גענומען זיך צום טון.

א פלעקל, א פלאָקן, א גראָב אין דער ערד.
א ברעטל פון אויבן — א בריקעלע ווערט.

און ווי ער ארבעט אזוי, א פרייד, א געדולע, וואָס הערט ער פון וויטן?

פון דאָרט, פון דער נייער שטאָט, לייגט מען א בריק שוין באצייטנס!

און ווי מע ארבעט עס דאָרט מיט כיישעק, מיט אימפעט, געשיקט.

זיי פון דאָרט און ער פון דאָ, און שוין, פארטיק די בריק!

ווייטער דערציילט זיך גאָרנישט פון דער אלטער שטאָט.
די זיידעס האָבן שוין מער נישט געזאָגט: „בא...“
די באבעס האָבן שוין מער נישט צוגעשאָקלט מיט די קעפּ: „מא...“

וואָרן פון דער אלטער שטאָט איז שוין געוואָרן א נייע אזא.

די נישטדערציילטע מייסע

א געדיכטע כמארע האָט, פונעם הימל אראָפּ, גלייך אריינגעקוקט אין שול אריין.

אין קלאַס איז טונקל געוואָרן.

די קינדער זענען שטילער געוואָרן.

דער לערער האָט געהייסן פאַרמאַכן די העפטן, האָבן די קינדער גלייך א געשריי געטון:

— לערער, א מייסע!

— דערציילט א מייסע!

— א מייסע!

האָט דער לערער א מאַך געטון:

— וואָסער מייסע זאָל איך אייך דערציילן?

האָט זיך איין קינד אָנגערופן:

— פון א יינגעלע מיט א גילדן רינגעלע, וואָס דאָס יינגעלע האָט געוואָלט, האָט דאָס רינגעלע געטון.

און א צווייט קינד האָט זיך אָנגערופן:

— פון א מיידעלע, וואָס איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן און גאַזלאָנים האָבן עס געכאַפּט.

און א דריט קינד האָט זיך אָנגערופן:

— פון א יינגעלע, וואָס האָט געוואָלט רייטן אויף דער לעוואָנע.

און א פערט קינד האָט זיך געוואָלט עפּעס אָנרופן, נאָר דער לערער האָט שוין אָנגעהויבן צו דערציילן.

דער לערער האָט אָנגעהויבן, וואָס דאָס ערשטע קינד האָט געבעטן:

פון א יינגעלע מיט א גילדן רינגעלע.

נאָר אזוי ווי דער לערער האָט ארויסגערעדט דאָס וואָרט

„רינגעלע", האָט זיך דאָס רינגעלע ארויפגעקוילערט אויפן לערערס טיש און ס'האָט גענומען אזוי דערציילן פאר די קינדער:

— איך בין שוין נישט מער קיין גילדן רינגעלע, וואָס קען ווונדער באַווייזן, נאָר איך בין א גרויסער רינג פון אייזן. איך האָב זיך אָפּגעריסן פון א קייט און געקומען אייך דערציילן, אז מיט דער קייט האָט מען געבונדן אייער כאַווערם טאַטן, ווייל ער האָט געפאָדערט דעם לוין פון זיין ארבעט.

די קינדער זענען בלייך און בלאַס געוואָרן, האָט דער לערער אָנגעהויבן די־אָ מייסע, וואָס דאָס צווייטע קינד האָט געבעטן:

— אמאָל איז געווען א מיידעלע, איז עס אליין אוועקגעגאַנגען פונדערהיים. איז עס געגאַנגען און געגאַנגען, ביז ס'איז פאַר־בלאָנדזשעט געוואָרן אין א געדיכטן וואַלד אריין. האָט דאָס מיידעלע נישט געוווּסט ווּ אריין און ווּ ארויס, האָט דאָס מיידעלע דערזען א שיין. איז עס נאָכגעגאַנגען נאָך דער שיין, האָט עס דערזען א שטיבעלע. איז עס צוגעגאַנגען צום שטיבעלע און שטיל אָנגעקלאַפּט: „גוטע מענטשן, עפנט מיר!" זענען גאָר ארויס פון דאָרט גאַזלאָנים...

נאָר אזוויווי דער לערער האָט ארויסגערעדט דאָס וואָרט „גאַזלאָנים", האָט זיך געעפנט די טיר און ס'האָבן זיך גענומען אריינשטופן איינער נאָכן אנדערן א גאַנצע באַנדע גאַזלאָנים. אָבער זיי זענען שוין נישט מער קיין גאַזלאָנים, וואָס כאַפּן צו א מיידעלע, נאָר זיי זענען מילכאָמע־לייט, וואָס פאַלן אָן אויף גאַנצע פעלקער.

די קינדער זענען בלייך און בלאַס געוואָרן, האָט דער לערער ארויסגעשטופּט דידאָזיקע גאַזלאָנים און פאַרמאַכט די טיר, און ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן די־אָ מייסע, וואָס דאָס דריטע קינד האָט געבעטן:

פון א ייִנגעלע, וואָס האָט געוואָלט רייטן אויף דער לעוואָנע.

נאָר אזוויווי דער לערער האָט ארויסגערעדט דאָס וואָרט „לעוואָנע", האָט זיך א שטיקל לעוואָנע אנידערגעשטעלט באַם פענצטער פון קלאַס און האָט אזוי געזאָגט:

זי קען מער נישט נעמען דאָס ייִנגעלע אויף זיך רייטן, ווייל דאָס ייִנגעלע וועט נישט זען דעם וועג. וואָרן זי האָט זיך דאָס פּאָנעם מיט שווארצן פארהאנגען, איז פינצטער.

זי האָט זיך דאָס פּאָנעם מיט שווארצן פארהאנגען, ווייל זי קען נישט צוזען, ווי ברידער גייען אויף ברידער אין מילכאָמע ארוים, פעלקער פאלן־אָן אויף פעלקער און סע ווערט כאָרעוו א וועלט.

די קינדער זענען געוואָרן בלייך און בלאס, האָט דער לערער אויפגעמישט א ביכל צו לייענען פאר זיי עפּעס א שטיפעריי, א שפּיל, א שפּאס.

נאָר אזויווי דער לערער האָט דאָס ביכל אויפגעעפנט, זענען די אלע זאכן, וואָס ער האָט געוואָלט לייענען, אנטלאָפן און נאָר פון יענע מייסעס האָט ער געטראָפן.

האָט ער דאָס ביכל צוריק פארמאכט און געזאָגט די קינדער, אז זיי זאָלן אהיימגיין, סע פאלט שוין צו די נאכט.

סע טוט אים זייער וויי, ער האָט דערפון אסאך צאר, וואָס היינט איז א טאָג אזא.

פארדאָס אָבער, מאָרגן, וועט שוין שיינען די זון א גאנצן־גאנצן טאָג.

ב י י ע ל ע

כייעלע איז ברוגעז געוואָרן

די זון האָט זיך געדרייט ארום א שמאָלן, לאנגן הויף — זי האָט געוואָלט אריין און נישט געקאָנט — דער הויף איז פארשטעלט געווען פון אלע זייטן.

האָט זי זיך געדרייט און געזוכט אזוי לאנג, ביז זי האָט געטראָפן ערגעץ א שפארע, האָט זי אריינגעשטופּט א פינגער.

האָט זיך אומגעדרייט אינעווייניק, אין הויף, א שיין מיידעלע און זי האָט דערזען דעם פינגער... האָט זי א קוויטש געטון פאר פרייד:

— ווער ביסטו ?!

— און ווער ביסטו ?

— איך בין כייעלע.

— און איך בין די זון.

— אזוי ? קומזשע אריין !

האָט די זון געענטפערט:

— איך קאָן נישט אריין.

סע גייט נישט.

האָט כייעלע א מאך געטון, אז זי פארשטייט נישט.

דערווייל האָט די זון ארויסגעכאפּט דעם פינגער און זי איז זיך אוועק. און כייעלע איז געבליבן שטיין פארטראכט און פארקלערט.

דאָס איז געווען יענע קליינע כייעלע, וואָס האָט געוווינט אין איינעם פון יענע נאסע, פארדושעטע צימערן דאָרט.

דאָס איז געווען יענע קליינע כייעלע, וואָס האָט געהאלטן אין איין פרעגן אירע טאטע־מאמע „פארוואָס" און „פארוואָס":

פאַרוואָס באַוווינען דאָ די פאַמיליעס צו איינציקע צימערן?
פאַרוואָס שיקט דאָ די זון נאָר א שמאָל שטראַלעכל?
פאַרוואָס קומט זי אַהער אַזוי זעלטן?

אין צווייטן הויף, אין גרויסן, ברייטן הויף, וווינט אינגאַנצן איין פאַמיליע!

דאָרט שפּאַצירט די זון אַרום א גאַנצן טאָג איבערן גאַנצן הויף! —

די טאַטע־מאַמע האָבן זיך מיט אירע פראַגעס נישט געקענט קיין אייצע געבן.

זיי האָבן איר נאָר געענטפערט, אַז ווען זי וועט גרויס ווערן, וועט זי שוין אַליין ענטפערן.

פאַר כּייעלען איז דאָס אָבער נישט גענוג געווען, אַז זי זאָל אויפהערן צו פרעגן.

פלעגן טאַטע־מאַמע מיד ווערן פון די פראַגעס און זיך אָנבייזערן אויף איר.

פלעגט זי אין כּעס ווערן און קוויטשען:

— אָבער פאַרוואָס! פאַרוואָס! —

האָט דער טאַטע איר איינמאָל געענטפערט, אַז:

— ווען דו וועסט וויסן, וואָס דאָס איז א באַלעבאָס,

וועסטו שוין נישט פרעגן מער „פאַרוואָס".

איז זי נאָך מער אין כּעס געוואָרן:

— איך ווייס, איך ווייס,

א באַלעבאָס איז בייז —

און אינדערמיט האָט זי זיך צעלאַכט:

— א באַלעבאָס

האָט א פאַריסענע נאָז...

דאָס האָט זי זיך אַזוי צעלאַכט, ווייל זי האָט דערזען א שטראַלעכל. זי האָט זיך אַזוי דערפרייט, אַז זי האָט אין די „פאַרוואָסן" פאַרגעסן און זיך צעזונגען:

— שטראלעכל, שטראלעכל,
זאָג, וואָס ווילסטו,
זינגען אָדער טאנצן?

שטראלעכל, שטראלעכל,
נעם די זון
און ברענג זי מיר אינגאנצן?

זינגען קאָן נישט קיין שטראלעכל, טאנצן יאָ...
האָט דאָס שטראלעכל געטאנצט און כייעלע האָט געטאנצט.
דאָס שטראלעכל צו כייעלען, כייעלע צום שטראלעכל — א
טאנץ אקעגן, א טאנץ א רעדל, א געדריי, א געשטעל, מאָלעכיין!
אינדערמיט האָט כייעלע דערזען, אז זי טאנצט גאָר אליין.
דאָס שטראלעכל איז פארשוווּנדן געוואָרן.
איז זי ברויגעז געוואָרן.
אראָפּגעלאָזט דאָס קעפּל און זיך געשטעלט אין א ווינקל.
איז דאָס שטראלעכל געקומען זי איבערבעטן. איר א גלעט
געטון איבערן קעפּל און צון איר א לאך געטון:

— מיידעלע, מיידעלע,
זיי נישט ברויגעז,
שטעל דיך בעסער טאנצן.

מיידעלע, מיידעלע,
מאָרגן קומט
די זון צו דיר אינגאנצן!

כייעלע וויל דעם שטעקן

איינמאָל, אויפדערנאַכט, א שיינע לעוואָנע-נאַכט. כייעלע האָט זיך שוין געהאט אָנגעשפּילט מיט די קינדער אויפן הויף. זי האָט שוין געהאלטן נאָך וועטשערע, האָט זי זיך אויסגעטון, שלאָפן געלייגט און, ווי דער שטייגער, א זאָג געטון: „מאמע, א גוטע נאַכט! טאטע, א גוטע נאַכט!"

צוגעדעקט זיך, אראָפּגעוואָרפן דעם צודעק. ווידער זיך צוגעדעקט און ווידער אראָפּגעקאָפּעט. א דריי אהין, א דריי אהער.

א מינוט, צוויי, דריי, — איינגעשלאָפן.

דער טאטע איז נאָך געזעסן א ווײַלע באם בלאט און געלייענט. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן, אריינצוגיין צון א שאָכן, טאקע אויפן זעלבן הויף, די צווייטע טיר.

— קום אויך, — האָט ער געזאָגט אינדערשטיל צו דער מאמען — מאך פינצטער און קום אויך.

— באלד. גיי, גיי, איכל נאָכקומען — האָט די מאמע אים געענטפערט קימאט אויפן וווּנק, אזוי שטיל.

דער טאטע איז ארויסגעגאנגען און די מאמע האָט גענומען באקוקן כייעלען, ווי זי שלאָפט: צי סע שטייפט איר נישט עפּעס, צי ס'איז איר באקוועם. און זי האָט זי באקוקט און באטאפּט. דערנאָך האָט זי פינצטער געמאכט און זיך געלאָזט ארויסגיין.

אויף דער שוועל האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און אריינגעקוקט אין פינצטערן צימער צון איר מיידעלע.

א שטיקל לעוואָנע-שיין האָט זיך געריסן אין צימער אריין.

דאָס גרעט אויף די שטריק אין הויף האָט זיך געטריקנט און א פלאטער געטון, איז דאָס שטיקל לעוואָנע-שיין אריין אין צימער און ארוים, ווי א פייגעלע וואָלט אריין און ארויסגעפלויגן.

האָט עס א שיין געטון אויף כייעלעס פּענעמל און פארשווונדן.

האָבן דער מאמעס אויגן אויפגעלויכטן און זי איז אריינגעגאנגען צום טאטן, באם שאַכן, די צווייטע טיר.

כייעלע איז גאנץ געשמאק געשלאָפן. דערנאָך עפּעס א דריי זיך געטון און איבערגעוועקט. איבערגעוועקט און אויפגעוועקט.

פינצטער, שטיל. רופט כייעלע:

— מאמע!

קיינער רופט זיך נישט אָן.

— טאטע! מאמע!

קיינער רופט זיך נישט אָן.

דערשרעקט זיך אביסל כייעלע און וויל זיך שיר-נישט צעוויינען.

פליט אָן דאָס שטיקל לעוואָנע-שיין

און גיט איר א שמייכל אין פענעמל אריין:

— מיידעלע, מיידעלע, האָב נישט קיין מוירע,
נישטאָ זיך פארוואָס צו שרעקן.

אָט צי איך זיך אוים, ווי א פאָס,
ווי א לאנגער שטעקן.

און ווען דו וועסט הייסן, וועל איך דערלאנגען
מיט אלעביידע עקן!

האָט כייעלע צוריקגעשמייכלט:

— איך האָב נישט קיין מוירע
און איך היים קיינעם נישט דערלאנגען.
איך וויל נאָר גיך
דעם שטעקן צו זיך...

האָט דאָס שטיקל לעוואָנע-שיין כייעלען געפרעגט:

— אז דו ווילסט קיינעם נישט שלאָגן, צו וואָסזשע באדארפסטו א שטעקן?

האָט כייעלע געענטפערט:

— איך וויל טאקע קיינעם נישט שלאָגן,
נאָר דעם שטעקן דאַרף איך פאַר עפּעס אַנדערש האָבן,
פאַר אַסאַך זאַכן דאַרף איך אים האָבן:
ערשטנס, אַז עמעצער אַנדערש זאָל אים נישט האָבן,
קעדיי מע זאָל מיך נישט שלאָגן.
צווייטנס, אַז איך זאָל מיט אים דערלאַנגען ביז אַריבערן צווייטן הויף, דעם גרויסן און ברייטן הויף, ווּ די זון איז אַ גאַנצן טאָג, וועל איך די זון אויך אַהער ברענגען, זאָל זי אויך דאָ זיין!
און דערנאָך וועל איך מיטן שטעקן זי אַראָפּרייסן און אַרויפזעצן זי אויף מיין קאָפּ ווי אַ קרוין
און לייכטן און באַלייכטן! און שיין...
דערנאָך וועל איך טאַקע דעם שטעקן נישט באַדאַרפן, און איך וועל אים אַוועקוואַרפן.
האָט דאָס שטיקל לעוואָנע־שיין זיך אויסגעצויגן שמאָל און לאַנג, ווי אַ פּאַס, ווי אַ לאַנגער, לאַנגער שטעקן!
האָט זי אויסגעשטרעקט די הענטלעך אים צו כאַפּן און אירע ליפּעלעך האָבן אַקעגנגעטראָגן אַ שמייכל — דער שמאָלער לאַנגער פּאַס אינעם פינצטערן צימער האָט אויך אויסגעזען ווי אַ שמייכל...
און אַ שמייכל צו אַ שמייכל, ווי אַ שוועסטער צו אַ ברודער.
און צוריק אַנטשלאָפן געוואָרן, שטיל, שאַ, אָן אַ גערודער.

באַלד זענען טאַטע־מאַמע אַריינגעקומען, ליכטיק געמאַכט.
די מאַמע נעמט זיך צוקוקן צום איר מיידעלע, באַמערקט זי, ווי זי שלאָפט גאַנץ געשמאַק, נאָר עפּעס באַוועגט זי מיט די הענטלעך, ווי זי זאָל וועלן עפּעס נעמען, עפּעס האַלטן...
האָט די מאַמע זי איבערגעוועקט, אַ לייכטן קוש איר געטון, אַ גלעט מיט דער האַנט,
און אויסגעדרייט זי צו דער וואַנט.
און נישט געכאָלעמט, נישט געדאַכט —
אַ גוטע נאַכט.

בייעלע איז גרויס געוואָרן איבער נאַכט

קינדער, זינגט מיט מיר און לאַכט!
ווי בייעלע האָט אויפגעוואַקסט —
גרויס געוואָרן איבער נאַכט...

נאָר איידער וואָס און איידער ווען,
לאָמיר הערן, ווי ס'איז געשען!

ס'האָט אָנגעהויבן בלאָען, טונקל-בלאָ, העלער-בלאָ, העלער-העל — דער טאָג האָט זיך געטון א שטעל.

און בייעלעס טאַטע-מאַמע אויף די פיס געשטעלט. שטיל, אויף די שפּיצפינגער, געשוועבט ווי די שאָטנס האָבן זיי — בייעלען נישט אויפצוּוועקן. זיי האָבן געטון, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט, אַלץ אינדערשטיל, און זיי האָבן זיך געגרייט צו דער אַרבעט. דעמאָלט האָבן זיי ביידע געהאַט אַרבעט.

ביידע האָבן זיך געלאָזט אַוועקגיין פון שטוב. ער אין פאַבריק אַריין און זי — אַהיימנעמען אַרבעט. נאָר ס'איז נאָך צו פרי געווען, האָבן זיי זיך פאַרן אַוועקגיין אַביסל פאַרהאַלטן, געקוקט, ווי זייער קליין טעכטערל שלאָפט, און זיי האָבן זיך מיט איר געגרויסט.

דער טאַטע האָט גערעדט וועגן איר מיט באַוווּנדערונג: אַז אַ קינד זאָל שטעלן אַזוינע פראַגעס, אַ קינד זאָל וועלן די זון באַקומען!

און די מאַמע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אַזוינע מינעס געמאַכט, גלייך, ווי זי וואָלט זאָגן, אַז אַזוי וועט טאַקע געשען: זי וועט די זון באַקומען, זי וועט אַליין לייכטן ווי די זון, און — וואָס טאַטע-מאַמע קענען אַלץ נישט זען אויף זייער קינד!

אַזוי פאַרטיפט, פאַרכאַלעמט וועגן זייער בייעלען, האָבן זיי אַזש נישט געפילט, ווי זיי גייען אַוועק פון שטוב און לאָזן אַביסל

צעעפּנט די טיר. אזוי פּארטיפּט, פּארכאַלעמט זענען זיי געגאַנגען און גערעדט פון זייער קינד.

איז אריין א קאַץ. ארויף אויף א בענקל, פונעם בענקל אויפן טיש, פונעם טיש אויפן שאַפּקעלע, דאָרט איז געווען אויסגעשטעלט געפעס און זעץ אראָפּ — טררראך! גלעזער, טעלער, אויף פּיצפּיצלעך. האָט זיך די קאַץ דערשראָקן און געלאָפן זיך באַהאַלטן אונטער כייעלעס בעט.

כייעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אן אויסגעשטרעקטער האַנט און א באַפעל געטון אויף א קאָל: „גיי! האָב נישט קיין מוירע!"

די קאַץ האָט זיך אפּירגעשאַרט פון אונטערן בעט און ארויסגעלאָפן. און כייעלע האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעטל און געזוכט דעם שטעקן, וואָס זי האָט באַנאַכט געזען אין דער לעוואָנע-שיין. אָבער באַלד האָט זי א שמייכל געטון און אויסגערופן: „וואָסער שטעקן! מיין האַנט איז דאָך אזוי גרויס און פעסט געוואָרן, ווי א שטעקן!..."

זי האָט זיך אויפגעשטעלט אויפן בעטל. האָט איר קאָפּ געגרייכט ביזן סופיט. איז זי א צופרידענע אראָפּ פונעם בעטל און ווען זי האָט דערזען אירע קליינע שיכלעך, האָט זי זיך זייער צעלאַכט. זי האָט געדענקט, אז ערשט נעכטן איז זי א קליין מיידעלע געווען.

זי האָט אפּירגעזוכט דער מאַמעס א פּאָר שיך, דער מאַמעס א קלייד און זיך אָנגעטון. נאָר איר זענען נישט געפעלן געוואָרן די אַלטע לאַכעס. איז איר איינגעפאַלן אריינצוגיין אין אנדערן הויף, אין דעם גרויסן ברייטן הויף, ווו די זון שפּאַצירט ארום א גאַנצן טאָג.

אהין האָט זי דאָך סיוויסיי געוואָלט אריין, קעדיי צו נעמען די זון אויך צו זיך אין הויף אריין. איז זי טאַקע אהין אריין, און ווי זי קוקט זיך נאָר אום, דערזעט זי, ווי שיינע קליידער און שיך, גרויסע און קליינע, שפּאַצירן זיך גאָר אליין ארום אין הויף, שפּאַצירן איר פאַרביי, זי זאָל זיך אויסקלייבן וועלכע זי וויל.

נעמט זי די ערשטע בעסטע וואָס קומען איר אין האנט אריין, טוט זיך אָן, מאכט זיך רעכט, שיין, גוט, ווייל ווי די וועלט.

ווייל זי זיך לאָזן צוגיין צו די בלומען, וואָס וואקסן דאָרט, נעמען גאָר די בלומען און טאנצן איר אנטקעגן און בעטן זיך בא איר, אז זי זאָל זיי באפרייען פון דאָרט, זיי זענען דאָרט ווי איינגעשפארט אין טפיסע, זיי ווילן, אז אלע זאָלן פון זיי האנאָע האָבן. נעמט זי פון זיי איינע, צוויי, דריי, פיר, אסאך, אסאך, שטעקט זיי איין אין די האָר פונעם קאָפּ, ארום, ארום, ווי א קראנץ, ווי א קרוין.

און איצטער וועט זי נאָר זיך ארויפזעצן אויפן קאָפּ די זון און — שוין.

זי קוקט זיך אום, ארום און ארום זענען שפיגלען געווען. זי גיט א בליק, דערזעעט זי די זון אויף איר קאָפּ.

אזוי? טאנץ ארוים!

איינס-צוויי, איינס-צוויי,

האָפּ-האָפּ, האָפּ-האָפּ!

און ווי זי טאנצט ארוים, נעמען די קליידער און די שיך, די בלומען און — וואָס נישט? — אויך די זון אויפן קאָפּ און די שטראלן און טאנצן איר נאָך.

אזוי? טאנצן נאָך!

איינס-צוויי, איינס-צוויי,

האָפּ-האָפּ, האָפּ-האָפּ!

טאנצן נאָך נאָך איר צון איר אין הויף אריין. לויפן זיך צונויף אלע קינדער פונעם הויף און סע ווערט א געטומל:

— אָ! זע נאָר!

— וואָס איז געשען?

— ווער איז עס? כייעלע?!

— נישט כייעלע און יאָ כייעלע!

— אן אנדערע כייעלע!

— דיזעלבע, נאָר א גרויסע, מיט פעסטע הענט!

— מיט א זון אויפן קאָפּ!

— מיט קליידער און שיך און בלומען און אלץ!
— כייעלע, גיב מיר שיכעלעך!
— מיר א קליידעלע!
— מיר א בלום!
— מיר א...

האָט זיך כייעלע א שטעל געגעבן מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט און באפוילן אויפן קאָל: „נישט בעטן, נאָר נעמען!... שטרעקט אויס די הענט! נעמט אליין!"

האָבן זיך אלע קינדער גענומען אָנטון ניי און שיין, און זיך פארפוצן מיט די בלומען און באשטראלן מיט די שטראלן.

אינדערמיט איז אָנגעקומען דער באלעבאָס מאָנען דירעגעלט — ער האָט אפּאָנעם נאָך נישט געוווּסט, וואָס אזוינס ס'האָט געטראָפן — און ווי נאָר כייעלע האָט אויף אים א קוק געטון, איז ער אנטלאָפן ווי אן אָפּגעבריטער, אז די קינדער האָבן זיך אזש צעקייכט פאר געלעכטער.

אינדעם זענען געקומען צו לויפן כייעלעס מאמע, כייעלעס טאטע און נאָך מאמעס און טאטעס — זיי האָבן זיך שוין אפּאָנעם יאָ דערוווּסט וואָס אזוינס ס'האָט געטראָפן — און ווען זיי זענען אָנגעקומען, זענען זיי פונדעסטוועגן געבליבן שטיין פארגאפט:

אלע קינדער אזוי שיין אָנגעטון! און כייעלע איז געשטאנען אינדערמיטן און מיט זיי געזונגען:

קינדער, זינגט מיט מיר און לאכט!
ווי כייעלע האָט אויפגעוואכט —
גרוים געוואָרן איבער נאכט...

און פרעגט נישט „ווי" און פרעגט נישט „ווען",
אזוי־אָ איז די זאך געשען!